ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קדושת בית
# המדרש

אידיש

**579**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בעזהי"ת

# ספר
# קדושת בית המדרש

**אַ העכסט-אינטערעסאַנטע און באַלערנדע דרשה וואָס איז געזאָגט געוואָרן ברבים, און האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם.**

**עס האָט עלעקטריזירט די צוהערערס און געהאַט אַ מעכטיגן אָפּקלאַנג, אַריינברענגענדיג אַ געוואַלדיגע התעוררות, וואָס האָט זיך לאַנג דערקענט ביי די צוהערער, וועלכע האָבן זיך פאַרגענומען מיט אַ פעסטקייט צו שטיין אויף דער וואַך ביי זיך און די קינדער.**

**די דרשה נעמט אַרום אַלע פּראָבלעמען פון אמן יהא שמיה רבה, און איז געצילט מדריך צו זיין ווי אַזוי זיך צו פירן.**

## טייל פון די זאַכן וואָס ווערן אַרויסגעברענגט:

**א)** די מעלה פון זאָגן אמן — יהא שמיה רבה.
**ב)** די ערנסטקייט ביים דאַווענען.
**ג)** די שטראָף אויב מען זאָגט נישט אַפילו בלויז איין אמן.
**ד)** מען איז זוכה צו לערנען תורה פון אַלע צדיקים.
**ה)** מען איז זוכה צו לערנען תורה פון מלך המשיח.
**ו)** אַלע שלעכטע גזירות פון זיך און די קינדער ווערן גענצלעך אָפּגעשטויסן.
**ז)** זיינע עבירות ווערן בטל.
**ח)** פרנסה בריווח — געזונט — אריכות ימים — נחת פון די קינדער.
**ט)** וויכטיגע הלכות ביי אמן.
**י)** די פירונג פון שליח ציבור.
**יא)** שרעקלעכע פאַסירונג פון אמן.
**יב)** וויכטיגע הדרכה ביים אויספיר.
**יג) נאָך אַ סאַך אינטערעסאַנטע און באַלערנדע וויכטיגע זאַכן.**

♥

**יצא לאור ע"י חברת מזכי הרבים העולמי למען קדושת בית המדרש ועניית אמן.**

ברוקלין, ניו יארק, שנת תנש"א לפ"ק
**פראדזשעק שוהל לעיקוואוד, ניו דזשוירזי טלפון 8944 - 901 (201)**

•●•

**WORLD SOCIETY FOR THE SANCTITY OF THE SYNAGOGUE AND ANSWERING "AMEN"**
1274 - 49th St. Suite 11 • Brooklyn, N.Y. 11219 • Tel: 718-436-1180

בעזהי״ת

הספר הקדוש ״מקדש מעט״ בלשון הקודש ואנגלית, וכל מיני מודעות על עניני קדושת בית המדרש ועניית אמן, אפשר להשיג בחנם אצל:

## חברה מזכי הרבים העולמי

**הספר הקדוש ״מקדש מעט״ וכל מיני מודעות על עניני קדושת בית המדרש**

להשיג בחנם אצל: **חברה מזכי הרבים העולמית**

1. בירושלים הטורים 10, טל׳ 539-497-(02).
2. רחוב שמואל הנביא 72 ירושלים עיה״ק.
3. ישיבת בעלזא גשר החיים 12 ירושלים.
4. וועד מורא מקדש. גבעת שאול 26, 523-632-(02).
5. בלונדון טלפון 7511 — 458 — (01).
6. באנטווערפען 6730 — 233 — 3232 — (011).
7. בברוקלין טלפון: 1180 — 436 — (718).
8. בברוקלין 3637 — 972 — (718).
9. 1307 53 סטריט 972-5700 (718).
10. בסיגעיט 265-3566 (718).
11. בלעקוואד 3302 — 363 — (201).
12. **פראדזעקט שוהל 8944 — 901 (201).**
13. בניו סקווער 5011 — 354 — (914).
14. במאנסי נוא יארק 0969 — 425 — (914).
15. בקרית קאשוי נ״י 666-5371 (914).
16. ריגו פארק נ״י 0312 — 830 (718).
17. בקרית טאש-קאנאדא 430-3614 (514).
18. במאנטריאל-קאנאדא 276-1479 (514).
19. בטורונטו 789-0971 (416).
20. בבני ברק ר״ח נועם אלימלך 10 ב׳ 579-6122 (03).
21. בבני ברק ר״ח ירושלים 20 בחנות הטבע.
22. מגדל העמק א״י ״מגדל אור״ טל׳: 540-422 (06).

PROJECT SHUL Lakewood (201) 901-8944

=======================

**״עדיסאן פרינטינג קאמפאני ניו דזוערסי**
*** * * (212)-741-2212 * * ***

די אלע וואס זענען אינטערעסירט צו העלפען און פארשפרייטען די הייליגע ספרים ״מקדש מעט״ און די מודעות וועגען קדושת בית המדרש ועניית אמן זאלען זיך ווענדען און אמעריקא צו דעם טלפון: 436-1180 (718), אדער 972-5700 (718) און אנדערע לענדער צו די אויבענדערמאנטע טלפונען.

*Printed in the U.S.A. by:*
EDISON LITHOGRAPHING CORP.
37-25 Tonnelle Ave.
North Bergen, N.J.
(212) 741-2212 / (201) 902-9191
יצחק אייזיק גראס
בנו, חיים אלימלך
חתנו, יוסף אסטרייכער

# קדושת בית המדרש

## מפתח


א. פאַרוואָס איז עס נאָכגעלאָזט ה
ב. טיפקייט אין די רייד פון די חז״ל ו
ג. יהא שמיה רבה צערייסט גזירות ו
ד. דער אופן פון זאָגן — שיינע ערקלערונג ז
ה. נישט אַוועקגיין פאַר קדיש יא
ו. זיך פאַרטיפן אין די רייד פון די חז״ל יא
ז. לערנען מוסר יב
ח. דער מעכטיגער כח פון יהא שמיה רבה יג
ט. ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך אין הימל? טו
י. מציל זיין פון סכנות טז
יא. עצה קעגן יצר הרע (אַ גוט אויג) יז
יב. די טירן פון גן עדן עפענען זיך יט
יג. תשובה כ
יד. די געפילן זענען פאַרפרוירן כא
טו. וואָס מיינט אמת׳ע תשובה כב
טז. עצה פאַר כפרת עוונות כב
יז. מען גרייט צו פאר זיך צו עסן אויף יענער וועלט כז
יח. וואָס טוט מען אויף יענעם עולם כח
יט. דער באַדייט פון תענוג עולם הבא כח
כ. איר קענט זוכה זיין צו זיצן נעבן אַלע צדיקים כט
כא. מען נידערט אין די טיפסטע טיפענישן פון גיהנם ל
כב. וואָס עס מיינט קינדער יתומים ל

## מפתח


כג. אמן — עילוי נשמה ל

כד. נישט זאָגן אמן געהעריג איז פונקט ווי נישט זאָגן לא

כה. די מורא׳דיגע מעשה פון אמן לב

כז. מיתות משונות צוליב איין אמן לה

כח. אין יעדן דור מאַכט מען תקנות אויף דעם לח

כט. זאָגן אמן געהעריג לט

ל. איבונגען צו אמן מ

לא. זייט מזכה רבים מיט אמן און האָט אַ גרויסן זכות מא

לב. בעסער שפּעטער ווי פריער מא

לג. נישט זאָגן אמן געהעריג איז פונקט ווי נישט זאָגן מב

לד. א שליח ציבור (חזן) מג

לה. זאָגן קדושה אַזוי ווי מען דאַרף מה

לו. ווי אַזוי ווערט מען אַ צדיק מו

לז. לאָמיר מאַכן דעם סך־הכל (באַלאַנס) מז

לח. פאַרוואָס טו איך דאָס פאַרנאַכלעסיגן (התרשלות) מח

לט. צום אויספיר מט

מ. די פליכט פון רבנים ראשי ישיבה, מיט מנהיגי ישראל נ

היינטיגע צייט נ

# ספר

# קדושת בית המדרש

**אַ העכסט־אינטערעסאַנטע און באַלערנדע דרשה וואָס איז געזאָגט געוואָרן ברבים, און האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם.**

**עס האָט עלעקטריזירט די צוהערערס און געהאַט אַ מעכטיגן אָפקלאַנג, אַריינברענגענדיג אַ געוואַלדיגע התעוררות, וואָס האָט זיך לאַנג דערקענט ביי די צוהערער, וועלכע האָבן זיך פאַרגענומען מיט אַ פעסטקייט צו שטיין אויף דער וואַך ביי זיך און די קינדער.**

די דרשה נעמט אַרום אַלע פראָבלעמען פון אמן יהא שמיה רבה, און איז געצילט מדריך צו זיין ווי אַזוי זיך צו פירן.

## פאַרוואָס איז עס נאָכגעלאָזט

**א)** מיר וועלן רעדן פון דעם ענין אמירת אמן מיט יהא שמיה רבא. לכאורה איז עס אַ זאַך וואס יעדער האָט עס שוין באַגעגנט. מען האָט עס שוין אַוודאי געלערנט אין די ספרים, אין שולחן ערוך אַליין, און נאָך פאַר דעם, די גמרא רעדט דאָך אַ סאַך דערפון, אָבער למעשה איז עס צווישן די זאַכן וואָס די חז״ל זאָגן דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם. די מורא׳דיקע גרויסקייט דערפון, און לאידך גיסא דער גרויסער מכשול טאָמער מ׳איז עס נישט מקיים ווי מ׳דאַרף.

עס איז אַזוי גרויס, ווי עס ווערט אויסגערעכנט אין די חז״ל, אין זוהר הקדוש און אין אַנדערע פלעצער, אז עס איז ממש נישט צו פאַרשטיין פון וואָס די התרשלות נעמט זיך, און מ׳מוז על כרחך ענטפערן, אז עס איז אַזוי ווי יעדע זאך וואס איז אַ הרגל, ס׳איז טאָג־טעגלעך, און מען פאַרגעסט, אַזוי ווי דער מסילת ישרים זאָגט אין דער הקדמה, אַז דער צוועק פון מוסר איז כדי להזכיר את הנשכחות, צו דערמאנען זאַכן וואָס זענען פאַרגעסן געוואָרן.

## טיפקייט אין די רייד פון די חז״ל

**ב)** מיר וועלן דערמאָנען אַ פּאָר מאמרי חז״ל, און זיך אַביסל פאַרטיפן אין דעם. די גמרא אין שבת רעכנט אויס דריי שטאַרקע מאמרים וועגן אמן. אין שבת דף קי״ט ע״ב, אמר ר׳ יהושע בן לוי, כל העונה אמן יהא שמיה רבה מברך בכל כחו, קורעין לו גזר דינו. אַז אַ איד ענטפערט אמן יהא שמיה רבה בכל כחו, צערייסט מען זיין גזר דין. ברענגט די גמרא אַ פסוק, ר׳ חייא בר אבא אמר ר׳ יוחנן, אפילו יש בו שמץ של עבודה זרה מוחלין לו. אפילו ער האָט נאָר אַ שמץ פון עבודה זרה איז מען אים מוחל. פשט פון דעם מיינט נישט צו זאָגן בלויז דעם איסור עבודה זרה, נאָר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַפילו יש בו שמץ עבודה זרה, איז על אחת כמה וכמה די אלע עבירות וואָס זענען גרינגער פון עבודה זרה, ווערן אַוודאי נמחל.

אַזוי שטייט אַרויס קלאָר אין חרדים (פרק ד׳ מהלכות תשובה) אַז אויב מען זאָגט יהא שמיה רבה בכל כחו, איז דער אויבערשטער מוחל אַלע עוונות.

**ג)** דערנאָך ברענגט די גמרא, אמר ריש לקיש כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן. דאָ איז ער משנה דעם נוסח, ביז יעצט איז געשטאַנען אמן יהא שמיה רבה, און יעצט שטייט נאָר אמן. שנאמר פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים, אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן. מאי אמן, אמר ר׳ חנינא א-ל מלך נאמן. אפילו בלויז אויף אמן באַקומט מען אַזאַ געוואַלדיגן שכר.

## יהא שמיה רבה צערייסט גזירות

**ד)** אויף אמן יהא שמיה רבה ״בכל כחו״ זאָגט רש״י, און תוספות ברענגט עס אויך, אַז דאָס מיינט מען ״בכל כוונתו״. תוס׳ ברענגט צו ר״י אומר, אַז דער פסיקתא ברענגט פון ר׳ ישמעאל בן אלישע אז ווען אידן גייען אַריין אין די בתי כנסיות און ענטפערן אמן יהא שמיה רבה

מברך בקול רם, מבטלין גזירות קשות. איז ער מסביר באריכות אז ער האָט געזען דאָרטן פאַרשידענע גזירות אָנגעגרייט אַראָפּצוקומען אויף דעם עולם, האָט ער געפרעגט ווי אַזוי קען מען דאָס אויסהאַלטן, האָט מען אים געענטפערט, אַז ווען אידן גייען אַריין אין די בתי מדרשות און ענטפערן אמן יהא שמיה רבה, זענען זיי מבטל די גזירות קשות.

## דער אופן פון זאָגן — שיינע ערקלערונג

**ה)** איז קודם־כל אינטערעסאַנט אַז רש״י זאָגט בכל כחו — בכל כוונתו. ער נעמט אַ שטיקל גמרא און איז עס עוקר פון דעם משמעות, מוז דאָך זיין אַ סיבה דערויף. און תוס׳ איז אויך מסכים דערצו, און גיט צו ״בקול רם״, איז אויך אַ חידוש, פון וואו נעמט תוס׳ אַז דאס מיינט מען בקול רם?

נאָר דער אמת איז, אַז מען מיינט ביידע. דער ענין פון בכל כוחו, ווען מ׳זאָגט בקול רם איז נישט טייטשט די העכסטע שטימע וואס ער קען שרייען, זאָל ער אַרויסשרייען, ווייל דער מגן אברהם ברענגט צו (אין סימן נ״ו) פון רבינו יונה, אַז די וואָס זאָגן הויך יותר מדאי, און ס׳איז מתלוצצים עליהם, מענטשן מאַכן ליצנות דערפון, זאל מען עס נישט טוהן, ווייל מ׳איז גורם דורך דעם א חטא, ווייל מענטשן זענען זיך מתלוצץ זאָל מען נישט זאָגן אַזוי הויך. איז דאָך דאָס קעגן דעם וואָס דאָ שטייט בקול רם, ווי קען דער רבינו יונה זאָגן אַן איסור אויף אַ זאַך וואָס לויט תוס׳ שיטה דארף מען שרייען אויפן העכסטן קול, און דאָס איז דער עיקר מצוה.

**ו)** דער פשט איז אבער אַז אלץ איז מקושר, בכל כוונתו, בקול רם, בכל כחו, אלץ איז תלוי הא בהא. די טבע פון אַ מענטש איז, אז ווען אלעס גייט נאָרמאַל, רעדט ער נאָרמאַל און זיין גאַנצע התנהגות גייט במתינות, בדרך נחת. טאמער עמיצער רעגט אים אויף, גיט ער שוין אַרויס אַ בייזע שטימע. טאָמער האָט מען אים מורא׳דיק אויפגערעגט, און ארויסגעברענגט פון די כלים, קען ער שרייען מיט די העכסטע שטימע.

דאָס ענין וואָס ער שרייט בקול רם, איז נישט דער פשט ווייל ער שפירט אַז טאָמער וועט ער שרייען בקול רם וועט ער מער אויפטוהן, נאָר דאָס איז שוין אַ תוצאה פון דעם וואָס ער ווערט אַרויסגעבערענגט פון די כלים. אַז ער ווערט אינגאַנצן צענומען, ממילא אז ער רעגט זיך אויף אויף יענעם, קומט עס אַרויס בקול רם.

דער ענין פון יהא שמיה רבה בכל כחו, און זאָגן אמן בכל כחו, איז בעצם טייטש בכל כוונתו, ער זאָל מכוון זיין. נאָר דער ענין פון מכוון זיין איז דאָ אויף פאַרשידענע אופנים. ביי אמן יהא שמיה רבה איז דאָך דער עיקר כוונה אַז דער אויבערשטער זאָל שוין מוחה זיין זכרו של עמלק, און עס זאָל זיין שמו שלם וכסאו שלם, און עס זאָל נתקדש ווערן דעם אויבערשטנ׳ס נאָמען אויף דער וועלט און אויף אַלע עולמות, לעולם ועד. דאָס איז דאָך די עיקר כוונה.

אין כוונה אַליין זענען דאָ פאַרשידענע מדרגות. עס איז פאַראַן עמיצער וואָס איז מכוון, פונקט אַזוי ווי אַנדערע זאַכן וואָס ער טוט בתורת מצוות אנשים מלומדה. עס איז פאַראַן איינער איז מכוון, ער טוט גוט אַדורך דעם חילול שם שמים וואס איז מורא׳דיק גרויס, פאַר די אומות העולם און פאַר די פושעי ישראל גייט גוט, און פאַר די ערליכע אידן איז שוואַך. ער נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן דעם ענין פון דעם חילול שם שמים. ממילא אויף דעם אופן אז עס ווערט נתעורר און עס כאַפּט אים אָפּ אַ שטאַרקער ברען, און דעמאָלט שרייט ער דעם יהא שמיה רבה בכל כוונתו, און ממילא גייט עס שוין בקול רם אויך. וואָס טייטשט בכל כוונתו, ווי אַזוי איז שייך דער ענין פון כוונה, כל כוונה, מקצת כוונה, אין מחשבות וואָס אַ מענטש האָט איז נישט שייך צו צעטיילן אויף מער חלקים, ווי אזוי איז דאָס שייך? אַז מען רעדט בדרך הנסתר איז דאס טייטשט צי ער איז מכוון סתם מיט פשוטע כוונה, אדער מכוון בדרך הנסתר, אדער ער איז מכוון גאָר אַ הויכע כוונה, אבער רש״י האָט דאָס געזאָגט פאַר אנשים פשוטים אויך, פאר יעדן איינעם וואס לערנט רש״י, איז וואס איז דער פשט בכל כוונתו.

ז) נאָר פשוט איז דער פשט אַז אמן יהא שמיה רבה זאָל מען זאָגן מיט דער ריכטיקייט פון כוונה, אז מען דאַרף טאַקע צענומען ווערן. ער בעט אַ בקשה, דאַרף ער טאַקע נתעורר ווערן מיטן גאַנצן גוף טראַכטן דאָס, און מתפלל זיין, און טאָמער ער וועט טאַקע אויף דעם מתפלל זיין, מאַכט ער נישט קיין חשבונות, אויטאָמאַטיש קומט אַרויס אַז ער צעשרייט זיך. ממילא איז ביידע טאַקע אמת, און וועגן דעם זאָגט טאַקע דער רבינו יונה, אַז סתם צו שרייען אויב בני אדם מתלוצצים, טאר מען נישט, אדרבה, ער איז גורם א חטא.

מ׳זעט טאַקע דער מציאות איז, אַז ווען איינער שרייט בקול רם, און דאָס איז אַזאַ מין בקול רם וואָס קומט פון בכל כוונתו, אזא בקול רם זענען בני אדם נישט מתלוצצים, אדרבה, מען קוקט אַרויף דערויף מיט הערצה און יראת הכבוד, מ׳זעט נישט מענטשן זאָלן זיך מתלוצץ זיין. און טאָמער שרייט מען סתם בקול רם אין דער וועלט אַריין, איז דאָ מענטשן וואָס זאָגן עס שטערט זיי, צי מ׳וועט חוזק מאַכן דערפון. און ממילא איז אַלעס אמת, אַלע פשטים אין בכל כחו.

ח) קומט אויס אַז דער עיקר דאַרף עס טאַקע זיין אויף דעם אופן אַז עס זאָל זיין בכל כוונתו, און כ׳האָב געטראָפן נאָך דעם וואָס כ׳האָב געקלערט דעם פשט אין זוהר הקדוש זעט מען טאַקע קלאָר אַזוי אַרויס, עס שטייט דאָך אין יעב״ץ און אַנדערע פוסקים, אַז די נגלה מיט נסתר זענען זיך נישט סותר. פונקט ווי מיר טרעפן צוויי גמרות זענען זיך סותר, און די ראשונים פרובירן צו טרעפן אַן אופן עס זאָל נישט זיין קיין סתירה, אַזוי אויך ווען נגלה און נסתר זענען זיך סותר דאַרף מען טרעפן אַן אופן השוואה אז ביידע זאָלן שטימען. דאַרף מען דאָ אויך טייטשן די גמרא, לויטן זוהר הק׳.

ט) אין זוהר הקדוש שטייט (ח״ג דף ר״כ) אין דעם ענין פון אמן יהא שמיה רבה, צריך לעורר כל האברים ולומר בכח (נוצט ער דעם לשון כח אַזוי ווי די גמרא), ועל ידי זה משבר כח הסטרא אחרא. זעט מען דאָך קלאָרע ווערטער, אַז ס׳איז בכל כחו און בכל כוונתו און בקול רם אויך. דאָס איז על כל פנים דער עיקר ענין פון אמירת אמן.

דאָס איז אַלץ גערעדט ווי אַזוי עס וואָלט געדאַרפט זיין. מיר האַלטן ליידער נאָך אַפילו נישט ביי פשוטע כוונה. די גמרא זאָגט אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן, איז דאָך באַקאַנט דער ישמח משה און אַנדערע זאָגן עס אויך, אַז איבעראל וואו די חז״ל זאָגן אל תקרי איז דאָך זייער שווער צו פאַרשטיין, וואָס טייטשט אל תקרי, לייען עס נישט אַזוי נאָר אנדערש. ממה נפשך, אַז עס שטייט אַזוי דאַרף דאָך אַזוי שטיין. נאָר דער פשט איז איבעראל וואו עס שטייט אל תקרי איז דער טייטש אַז מען דאַרף לערנען אַלעביידע, זאגט ער אל תקרי שומר אמונים נאָר שאומרים אמן. איז דער אמת אז ביידע זענען הא בהא תליא, דער ענין פון שומרים איז פון לשון ואביו שמר את הדבר, ער דאַרף זיצן און וואַרטן דערויף, איז דורך דעם קען ער צוקומען צו אמירת אמן. דאס איז אַ מציאות וואָס איז איבערצייגט ביי יעדן איינעם. טאָמער ווייסט ער אַז ער דאַרף וואַרטן דערויף, ער וועט באַלד צוקומען דערצו צו די געוואַלדיקע מדרגות דערפון, אדער דעם געוואלדיקן הפסד וואָס מ׳האָט טאָמער טוט מען עס נישט, און ער גייט אַריין אין בית המדרש און ער שטעלט זיך דאַוונען ווייסט ער אַז ער דאַרף זיין גרייט ווען עס קומט דער ענין פון אמירת אמן וואס איז אַ מורא׳דיגע געוואַלדיגע זאַך, איז טאָמער איז דאָ דער ענין פון שומרים, ער וואַרט דערויף, איז ווען עס קומט בשעת מעשה זאָגט ער עס געהעריק. טאָמער וואַרט ער נישט דערויף, און עס גיט אַ פאַל אַרויף אויף אים, מיט איין מאָל הערט ער דער ציבור זאָגט אמן און ער זאָגט אויך מיט, טאָמער איז נישטאָ קיין שמירת אמן, ער איז נישט שומר דערויף, ער וואַרט נישט, איז נישט מעגלעך ס׳זאָל זיין אמירת אמן געהעריק. והא ראיה, דער עולם האַלט ביי קרבנות, אשרי, מען שמועסט אַרום, און ווען דער ציבור האַלט שוין ביים דאַוונען זוכט ער דעם פלאַץ און די גאַרטל, איז ער נישט בכלל שומרים אמן, ער וואַרט זיכער נישט דערויף. אָבער טאָמער וואַרט מען דערויף זעט עס אויס אַנדערש.

י) בקיצור: אויב מען וואַרט אָפּ דעם אמן, קען מען עס זאָגן אַזוי ווי מען דאַרף בעזה״י, און דאָס מוז זיין מיט אַן ערנסטן צוגאַנג ביים אָנהייב דאַווענען.

יא) עס איז אַ הלכה אין שולחן ערוך, נישט בתורת חסידות, עס שטייט אין שו״ע, אין סימן נ״ו זאָגט דער מחבר אין ערשטן סעיף, יש לכוין בעניית הקדיש, רעדט ער פון כוונה, און דערנאָך איז דער מחבר ממשיך ולענות אותו בקול רם.

## נישט אַוועקגיין פאַר קדיש

יב) לויט ווי מ׳שמועסט אַז דאָס איז מקושר, אַז נאָך כוונה קומט קול רם, ולהשתדל לרוץ כדי לשמוע קדיש. איז דאָך דאָס אַ מורא׳דיקע הלכה אין שולחן ערוך, אַז מען זאָל זיך משתדל זיין און לויפן כדי לשמוע קדיש. ווי ווייט האַלטן מיר פון דעם? הייַנט דאַרף מען זיך משתדל זיין אַז מען זאָל נישט אַוועקלויפן פונעם קדיש. טאָמער טראַכט ער נאָר אַז ער דאַרף עפּעס ערלעדיגן און מסדר זיין, וויפיל טראַכטן אַריין צוויי מאָל, כ׳וועל אַרויסגיין פון דאָ און ס׳וועט נאָך זיין אַ קדיש אינמיטן, אויב עס מוז זיין אַ השתדלות לרוץ לשמוע הקדיש, אַוודאי דאַרף זיין אַ השתדלות ער זאָל נישט אַוועקגיין, שטייט דאָך אין שולחן ערוך מען דאַרף זיך משתדל זיין.

איז דאָס אויך דער ענין פון שומר אמונים, ער וואַרט דערויף, נישט סתם ער וואַרט דערויף, נאָר ער איז זיך משתדל טאַקע ער זאָל אָנקומען דערצו.

## זיך פאַרטיפן אין די רייד פון די חז״ל

יג) די גמרא רעכנט דאָ אויס די דריי זאַכן, צוערשט רעכנט ער אויס קריעת גזר דין, דערנאָך רעכנט ער אויס מחילת עוונות, און נאָך דעם רעכנט ער אויס פותחין לו שערי גן עדן. איז לאָמיר זיך אביסל

מתבונן זיין אין דעם. מ׳לערנט די גמרא זאָל מען וויסן אַז עס זענען געווען אַ סאַך גדולי ישראל וואָס האָבן געטענה׳ט מיט אַ שיטה, אַז מען דאַרף נישט לערנען קיין מוסר־ספרים, ווייל אַלץ שטייט אין חז״ל. דער אמת איז, אַז מעיקר הדין, מצד ווי מ׳זעט אין די מדרשים, זענען זיי גערעכט. עס שטייט אין ספרי, אם למדת הלכות זאָלסטו לערנען אגדה, שמתוך כך אתה מכיר את מי שאמר והיה העולם. אין אַמאָליקע צייטן, פאַר ס׳איז געווען חובת הלבבות, מנורת המאור און די אַלע ספרים, ווי אַזוי איז טאַקע געווען יראי ה׳, אַז מ׳האָט געלערנט אגדות הש״ס האָט מען גענוג ווייל דאָס גייט גרינג אגדת הש״ס דאַרף מען אָפּפליען די גאַנצע גמרא ווייל דאָס גייט גרינג און שנעל און מען קוקט אַביסל אגדות מהרש״א, נאָר אגדה פון די אגדות חז״ל איז נאָך געווען אַ סאַך שווערער. מען זאָגט אַז אין חידושי אגדות מהרש״א ליגט אַ סאַך מער גדלות ווי אין די הלכות פון מהרש״א. דער אגדה־חלק איז נישט געשטעלט אויף לומדות צי ווי אַזוי מ׳פאַרשטייט די זאַך. אין דעם חלק הלכה איז דאָ צוויי חלקים, קודם כל די ידיעות התורה, און דערנאָך איז דאָ דער קיום. דער חלק אגדות הש״ס איז מער אויפן קיום התורה, און בשעת מען האָט געלערנט אגדות הש״ס האָט מען אַ סך מער בעיון געלערנט ווייל מען האָט געוואוסט אַז די גאנצע יראת שמים, די יסודות פונעם מענטש ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין, די התעוררות צוצוקומען דערצו, אַלץ ליגט אין די אגדות הש״ס. ממילא האָט מען נישט געדאַרפט דאָס וואָס די ספרים זאָגן שפּעטער.

## לערנען מוסר

**יד)** דער יערות דבש ברענגט אַז מען זאָל לערנען יעדן טאָג אַ שעה מוסר. דער ברכי יוסף ברענגט עס אויך אַז מען האָט געלערנט יעדן טאָג מוסר, און דער חתם סופר זאָגט אַז מען לערנט נישט יעדן טאָג מוסר ווערט מען נתקרר, פאַרוואָס האָט מען נישט געוואוסט פאַר

דעם אַז מען דאַרף לערנען יעדן טאָג מוסר? די גמרא זאָגט, לעולם ישליש אדם שנותיו שליש במקרא שליש במשנה שליש בתלמוד, קיינער רעדט נישט פון מוסר, פאַרוואָס הערט מען נישט פון אַזאַ וויכטיקע זאַך? דער תירוץ איז, אַז מען האָט געלערנט דעם סדר הש״ס, דעם סדר הגמרא, איז מען אָנגעקומען צו מוסר. אַז מ׳איז אָנגעקומען צו די אגדות הש״ס האָט מען זיך אין יעדע זאַך פאַרטיפט האָט מען געלערנט.

**טו)** דאָס זעלבע דאָ אין אונזער גמרא, העונה יהא שמיה רבה מברך, איז די ערשטע זאַך קורעין לו גזר דינו, דערנאָך אפילו יש בו שמץ עבודה זרה מוחלין לו עוונותיו, אז מען טראַכט אריין איז עס דאָך אַ מורא׳דיקע זאַך. דער רמ״ק קלערט אונז אויף וואָס די גמרא זאָגט המעביר על מדותיו מעבירין ממנו כל פשעיו. איז דאָך דאָס אַ מורא׳דיקע זאַך, אַ מין מעדיצין וואָס יעדער וואָלט זיך געדאַרפט צוכאַפּן צו דעם. יעדער ווייסט דאָך אַז ער איז מלא חטאים. עס איז פאַראַן מענטשן וואָס זיי ווערן נתעורר יעדן טאָג, צי ביי אשמנו אָדער ביינאַכט פאַרן לייגן זיך שלאָפן זאָגט מען וידוי, אַזוי ווי עס שטייט אין מגן אברהם, אַז מען זאָל זיך מתבונן זיין אין די חטאים וואָס זענען מצויים בכל יום און מען זאָל זיך מתחרט זיין דערויף, ווי דער רבי ר׳ זושא פלעגט טוהן, און אַנדערע צדיקים.

## דער מעכטיגער כח פון יהא שמיה רבה

**טז)** דער וואָרט שבעים שנה, וואָס איז דער חשבון פון זיבעציק יאָר, דאָס איז געבויט אויף ימי שנותינו בהם שבעים שנה, אַז דער גזר דין איז אָנגעשריבן פאַרן גאַנצן לעבן, מען שרייבט אויף אין הימל אויף איין מאָל נישט אַ גזירה אויף אַ וואָך, אַ חודש אַז ער זאָל זיין ל״ע קראַנק, נאָר אויפן גאַנצן לעבן שרייבט מען אלעס אָן אויף איין מאָל. מען זעט אַמאָל ל״ע אַ מענטש ווערט פאַראַליזירט, ער איז געפאָרן אין אַ קאַר און עס איז ל״ע געוואָרן אַן עקסידענט, ער איז געוואָרן

פאַרוואונדעט. מען האָט אים געמוזט אַראָפּנעמען אַ האַנט, א פוס ל״ע, דאָס איז אַ גזר דין של שבעים שנה, ער שלעפּט זיך אַרום מיט דעם זיבעציק יאָר, איז אַראָפּגעקומען דער גזר דין פון אויבן, איז די זאַך תלוי אין אים ווען ער קומט יעצט אין בית המדרש אריין, ער ווייסט גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אויבן ער זעט דאָך נישט די אַלע זאַכן. אָבער אַ מענטש דאַרף זיין געווארנט יעדע רגע ווען ער קומט אין בית המדרש, און הויבט אָן מתפלל זיין, און שטעלט זיך דאַוונען, דאַרף ער טראַכטן פאַרן דאַווענען, אפשר דאָס אַליין זיך מתבונן זיין, אַז עס זענען דאָ פאַרשידענע גזירות אַזוי ווי דער מדרש ברענגט צו.

**יז)** מיר וועלן נאָכזאָגן דעם לשון אַזוי ווי דער תניא שרייבט עס, דאָ ברענגט ער דעם מדרש וועגן דעם וואָס זיי רעדן ביי קדיש. פעם אחת מצאו אליהו ז״ל ועמו ד׳ אלפים גמלים טעונים, אמר ליה מה אלו טעונים, אמר ליה אף וחימה, למה, אמר לו לעשות נקמה באף וחימה במי שמפסיקין בין קדיש לברכו ובין קדושה לקדושה בין קדוש לברוך בין ברכה לברכה בין פרק לפרק, בין אמר יהא שמיה רבה ליתברך. אַ צווייטער מדרש איז דאָ וואו עס שטייט קלאָר אַרויס אַז די אַלע גזר דין קומען אַרויס און יהא שמיה רבה איז זיי מבטל. אַ מענטש דאַרף זיך פאָרשטעלן אַז ער דאַרף אַרויספאָרן אויף אַ וועג, און עס איז נחתם געוואָרן דער גזר דין טאַקע דעם זעלבן טאָג אָדער אַ טאָג פריער, אין דעם טאָג דאַרף ער פאָרן, און אויף דעם זעלבן שאָסיי, אויף דעם זעלבן וועג דאַרף צו פאָרן אַ קאַר קעגנאיבער, און אינמיטן דאַרף דאָרט פּאַסירן עפּעס און אַריינקראַכן אין אים און ל״ע וואָס עס דאַרף אַלץ פּאַסירן דאָרט. איז דאָך דאָס זייער אַ נאָרמאַלע זאַך, מען הערט דאָך דאָס מעשים בכל יום, טאַקע די פאַרגאַנגענע וואָך האָט פּאַסירט אַ מעשה אין ארץ ישראל, וואָס איינער איז געפאָרן נאָרמאַל אויף אַ וועג, ער איז געוועזן אויסגערוט, האָט נישט געטרונקען קיין וויין, ער איז נישט געווען מיד, און ער האָט געטראָגן מיט זיך די גאַנצע משפחה, און עס איז געפאָרן אַן אַראַבער קעגנאיבער, יענער האָט געכאַפּט אַ

דרימל און האָט אַריינגעקראַכט אין אים. די זאַכן פּאַסירן דעם פון זיך? עס איז דאָך אַלעס אָפּגעשריבן פון הימל.

## ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך אין הימל?

יח) דאַרף מען זיך מתבונן זיין ווען מען שטעלט זיך אַוועק דאַוועגען אין דער פרי, אַ מענטש פאַרט דאָך כסדר מיט אַ קאַר אינטערוועגנס, אַ מענטש קען זיך נישט אויסרעכענען ווי אַזוי אַמאָל אויף דער גאַס, אינמיטן דער נאַכט, בחצי הלילה, און אַ גוי איז קעגן אים, דעמאָלט איז שוין ערלעדיגט. אָבער ווען ער וואָלט געהאַט אַביסל שכל, ווען ער זאָגט יענעם טאָג יהא שמיה רבה בכל כחו, וואָלט דאָך געווען קורעין לו גזר דינו, צערייסט מען דאָך אַלעס אַוועק. איז דאָך ווען אַ מענטש שטעלט זיך אַוועק דאַוועגען דאַרף ער טראַכטן מי יודע, מענטשן ווערן פּאַראַליזירט, מענטשן באַקומען האַרץ אַטאַקעס, פאַרשידענע זאַכן וואָס פּאַסירן, קיינער ווייסט דאָך נישט וואָס אויף אים איז אָנגעשריבן, אַז ס'איז נישט היינט איז עס מאָרגן, איז עס אין דריי יאָר אַרום, אין צען יאָר אַרום, אפשר ביי די קינדער ח"ו אָדער גאָר די אייניקלעך, דאָס אַז ער האָט געגנוג חטאים ופשעים, אַז די אַלע זאַכן זאָלן קענען קומען אויף אים, דאָס איז יעדער איינער מודה. קיינער נישט, אַפילו ווי ווייט מען איז קאַלט און מען האָט דעם ענין פון ביטול הרגשים, אבער דאָס וועט יעדער מודה זיין אויף זיך אַז ער איז מלא חטאים, און דאָס אז אויף די אַלע חטאים קומען מורא'דיקע זאַכן, דאָס שטייט דאָך אויך אין ראשית חכמה און אַנדערע ספרים, ממילא מוז מען דאָך האָבן עפּעס אַ כפרה. היינטיקע צייטן איז דאָך אַ סך מער ווי אַמאָל, מען האַלט דאָך אין איין גיין במקום סכנה, מען לייענט פאַרשידענע מעשיות מען איז געפאָרן אויף אַ וואַלד און עס זענען באַפאַלן גזלנים, ווען מען לייענט דאָס טראַכט מען זיך אַמאָל ביי זיך, איך וואָלט קיינמאָל נישט געפאָרן אין אַ וואַלד, עס איז דאָך אַ משוגענע זאַך, וועלכער מענטש לאָזט זיך אַריין אין אַזאַ סכנה, עס איז

נישט צו פאַרשטיין דעם מענטש. ער לאָזט זיך אַריין אין אַ וואַלד, ער וועט דאָרט בלאָנדזשען, ער וועט אַריינפאַלן אין אַ קרעטשמע, מיט אַ רוצח, גזלנים וועלן אים באַפאַלן. איך וואָלט אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט געטוהן. אפשר ווען איינער וועט לעבן אין הונדערט יאָר אַרום, וועט ער טראַכטן, ווען איך וואָלט געלעבט הונדערט יאָר צוריק, וואָלט איך זיך קיינמאָל נישט אַריינגעזעצט אין אַ קאַר. ווי קען מען זיך אַריינזעצן אין אַ קאַר? ממש איין קאַר פאָרט לעבן צווייטן און מיט איין ריר וואָס ער האָט נישט געגעבן אַ ריכטיקן דריי האָט ער אַריינגעקראַכט אין יענעם און ח"ו... עס איז דאָך אַ מורא'דיקע זאַך. עס איז דאָך אַ סך ערגער ווי גזלנים, טויזנט מאָל ערגער.

## מציל זיין פון סכנות

**יט)** אלא מאי דער תירוץ איז, אַז דער גאַנצער מענטש, דאָס גאַנצע לעבן איז פאַרוויקלט מיט פאַרשידענע סכנות. דער אויבערשטער דאַרף נישט זוכן קיין וועגן מיט אַ קאַר, מיט דעם און מיט יענעם. עס איז נאָך ערגער אַזאַ צייט ווייל השטן מקטרג בשעת הסכנה. אַזוי ווי דער חפץ חיים זאָגט, ווען אַ רעגירונג זוכט איינעם וואָס ער אַנטלויפט, ער האָט געטוהן עפּעס אַ רעוואָלוציאָנערע אַקט וואָס מען דאַרף אים איינצושפּאַרן אדער מען דאַרף אים הענגען דערויף, צי אַן אַנדערע סאָרט מיתה, דאַרף מען זוכן א.ן מען דאַרף אַכטונג געבן ער זאָל נישט אַנטלויפן, אַריבערשווערצן די גרענעץ, ער זאָל נישט נעלם ווערן און אַריינפּאַקן אין תפיסה, אַראָפּשטעלן וועכטערס, פון אויבן און פון אַלע זייטן זאָלן זיין שומרים, דער אויבערשטער דאַרף נישט די אַלע זאַכן. מען קען אים אַריינלייגן אין בעט, אַ חולה, ער קען זיך נישט אַרויסרירן פון דאָרט, דער אויבערשטער דאַרף נישט זוכן קיין וועגן. די סיבה אויף די אַלע זאַכן זיינען זיינע אייגענע חטאים, איז דאָ עפּעס אַ וועג ניצול צו ווערן? דער אויבערשטער האָט אים געגעבן דעם וועג, די עצה דערויף, אַז ער

שטעלט זיך אַראָפּ דאַווענען און ער זאָגט יהא שמיה רבה בכל כחו קורעין לו גזר דינו. עס איז אַ גמרא, עס איז אַ זוהר הקדוש, אין שולחן ערוך, ווער קען מהרהר זיין אַז דאָס איז חלילה נישט אמת. עס איז דאָך אַ הונדערט פּראָצענטיקע זאַך. און נאָך דעם האָט ער אַ פאַרזיכערונג ווען ער גייט זיך אַרויסלאָזן אויפן וועג, אַז ברוך השם, מיטן איבערשטנ׳ס הילף אַלעס וועט זיין כהוגן, מוחלין לו כל עוונותיו, ער דאַרף אַפילו נישט מורא האָבן אַז עס ליגן דאָ עבירות וואָס וועלן גורם זיין ער דאַרף אָפּצוקומען די חטאים, עס וועלן נמחל ווערן אַלע עוונות. איז דאָך דאָס אַ מורא׳דיקע זאַך, מען קען צוקומען צו דעם, און מען לאָזט עס ממש אַוועקפאַלן בידים. אַיי, אַ סאַך וועלן זאָגן, יאָ, עס מאַכט זיך טאַקע אַ התרשלות, ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס אָבער דער יצר הרע, דאָס איז טאַקע דער סוד פון דעם יצר הרע. על כל פנים דאָס זאָל מען וויסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז ווען מען זאָל נישט האָבן קיין יצר הרע וואָלט ער נישט געהאַט די אַלע שכר׳ס, קורעין לו גזר דינו, אויף וואָס קומט די אַלע שכר׳ס, נאָר דער יצר הרע האָט טאַקע אַ כוח. עס איז אַ יצר הרע וואָס ער שטויסט אים צו שלאָפן, אַ יצר הרע וואָס ער שטויסט אים צו כאַפּן עפּעס אַ שמועס דאָרט, פאַרן דאַווענען, צי ער זאָל זיך פאַרטראַכטן בשעת׳ן דאַווענען, ער זאָל נישט נאָכזאָגן קיין אמן צי יהא שמיה רבה געהעריק. אָבער עס איז שייך מען זאָל זיך קענען מתגבר זיין. לאָזט זיך גאָר קלערן אַזוי ווייט, אַז ווען איינער האָט געהאַט בכח דאָס צו טוהן, און נאָך דעם איז געווען אַזאַ גזר דין וואָס דורך דעם וואָלט ער עס געקענט מבטל זיין און ער האָט עס נישט מבטל געווען, אפשר הייסט ער אַ מתחייב בנפשו?

## עצה קעגן יצר הרע (אַ גוט אויג)

**כ)** נאָך אַ שטאַרקער פּרט, דער חיד״א ברענגט אַן אינטערעסאַנטע זאַך, אין מדבר קדמות. לכאורה, די גמרא זאָגט אין בבא מציעא, פאַרשידענע דעות ברענגט ער דאָרטן פאַרוואָס עס

פאַסירט ליידער פאַרשידענע מגפות און חולאים, לערנט רב דאָרט אַז רוב מענטשן שעדיקט עין הרע. הויבט מען אָן צו טראַכטן, לא תהו בראה לשבת יצרה, דער אויבערשטער האָט דאָך באַשאַפן די וועלט אַז די וועלט זאָל באַזעצט ווערן פון מענטשן, און דער פלא איז דאָך דער ענין פון עין הרע, לויט ווי דער זרע קודש איז מסביר, ער ברענגט עס פון זוהר הקדוש, אז עס איז נישט דער טייטש עין הרע ער פאַרגינט יענעם נישט און ער קוקט אויף יענעם קרום, נאָר די עצם זאַך וואָס אַ מענטש ווערט נתפעל פון יענעם דאָס טייטש עין הרע.

איז עס דאָך אַ מורא׳דיקער פלא, דער אויבערשטער האָט דאָך באַשאַפן די וועלט אַז מען זאָל קענען עקזיסטירן. איז דאָך אַזוי, אַז איינער פירט זיך אויפן שלעכטן וועג, וועט אים קיינער נישט געבן קיין עין הרע, אַמאָל ווערט מען נתפעל ווי אַ מענטש קען אַזוי ווייט פאַרקריכן, איז דאָך דאָס אַ בחינה פון התפעלות, אָבער קיין עין הרע וועט נישט שאַטן. ווייל יענער וועג טויג דאָך נישט, ובחרת בחיים. זאָל זיך ווייטער איינער אויפפירן ערליך, איז ער דאָך ממש איינגעשטעלט אַז אַן עין הרע זאָל שאטן וויבאַלד דאָס איז דער ריכטיקער וועג.

**כא)** ברענגט דער חיד״א אין מדבר קדמות אַן אינטערעסאַנטע זאַך, אַז אויב איינער זאָגט פיר אמנ׳ס געהעריק יעדן טאָג, ווערט ער ניצול פון אַן עין הרע. ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַ מחלה, האָט ער באַשאַפן די רפואה אויך, איז יעדער זאַך וואָס מען קען טראַכטן ווי האַלט מען אויס די זאַכן, איז די רפואה ממש כי קרוב אליך הדבר מאוד. מען הערט מלחמות, מלכיות מתגרות זו בזו, יא מלחמות, נישט מלחמות, און מען הויבט אָן צו טראַכטן ווי אַזוי מען ווערט באַשיצט פון די מלחמות, דער האָט יאָ אַן עצה, נישט אַן עצה, עס איז דאָ פאַרשידענע אופנים געווערן וואָס מען קען צוריקשלאָגן, לוחם זיין. אָבער די אַלע זאַכן העלפן נישט. מען האָט געזען אין דער היסטאָריע פון פאַרשידענע מלחמות, אַז די אַלע חשבונות האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. עס איז נאָר אַזוי ווי עס איז געווען

אָנגעשריבן אין הימל. די ריכטיקע געווער צו קענען לוחם זיין איז עונה אמן יהא שמיה רבה בכל כחו, קורעין לו גזר דינו, גזר דינו איז כולל אלעס, עס איז כולל זאַכן וואָס קומען בידי אדם, אַ גזר דין וואָס קומט בידי שמים, דאָס איז אַזאַ געווער וואָס קיינער קען נישט נאָכמאַכן, נישט קיין אַראַבער, נישט קיין אַמעריקאַנער, נישט קיין רוסישער, עס איז דער שטאַרקסטער כוח, עס קען קעגנשלאָגן יעדע געווער. פון ווען דער אויבערשטער האָט געגעבן די מצוה עד היום הזה, איז נאָך נישט דאָ קיין געווער וואָס קען זיך קעגן דעם קעגנשטעלן.

**כב)** דער סבא פון נאוואַרדאק (הגה"ק ר' יוסף יוזל זצ"ל) האָט אַמאָל באַזוכט אַ שווער קראַנקן מענטש. זייענדיג דאָרט, האָט ער געעצה'ט מען זאָל צוזאַמענרופן אַ מנין לערנען און זאָגן יהא שמיה רבה וואָס צערייסט דעם גזר דין. מען האָט נישט געקענט צוזאַמענשטעלן אַ מנין. האָט זיך דער סבא אָנגערופן: פאַר אַ פראָפעסאָר וואָלט מען געצאָלט טייער געלט אויב ער האָט די ריכטיגע רפואה, אויב אַזוי זאָל מען באַצאָלן געלט פאַר צען אידן און זאָגן יהא שמיה רבה, ווייל די רפואה פון די חז"ל איז גאַראַנטירט מער פון דעם גרעסטן פראָפעסאָר (מאורה של תורה, סוף פרשת בהעלותך).

## די טירן פון גן עדן עפענען זיך

**כג)** איצט לאָמיר גיין צום דריטן פרט וואָס ווערט אויסגערעכנט. נאָך ווערט אויסגערעכנט אין די גמרא אז העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן. אַן אינטערעסאַנטע זאַך זאָגט דער מהרש"א דאָרטן אין שבת דף קי"ט, און אין שומר אמונים ברענגט ער עס צו פון מהרש"א, איז ער מסביר דאָרטן וואָס הייסט פותחין לו שערי גן עדן, מען עפנט אים די טויערן, אַז ווען ער קומט אויף יענער וועלט קען ער אַריינגיין אין אַלע היכלות, און ער קען לערנען תורה וואו ער ווילן.

שטעלט איך פאָר מען זאָל איינעם פרעגן ווען ער קומט אויף יענער וועלט, אין וועלכן בית המדרש ער וואָלט געהאַט חשק צו לערנען תורה, האָסט אַ ברירה, דו קענסט לערנען אין דער ישיבה פונעם חתם סופר, קענסט לערנען ביים גר״א, קענסט לערנען ביים בעל שם הקדוש, קענסט לערנען ביי רש״י, ביים ריטב״א, ביי אביי, ביי רבא, וואָלט זיך יעדער איינער מסתמא געפירט לויט זיין שכל, ער קען זיך נאָר אויסקלויבן איין פלאַץ, דאָרט וואו ער קלויבט זיך אויס דאָרט בלייבט ער לעולם ועד. איז עס זייער אַ שווערע בחירה. אָבער דער וואס זאגט יהא שמיה רבה קען גיין אין אלע היכלות אומגעשטערט.

## תשובה

נישט יעדער איז זוכה יעדן טאָג תשובה צו טוהן. עס קומט ערב שבת איז דאָך אָבער אַ התעוררות הזמן, איז דאָ וואָס טוען תשובה דעמאָלט, דער סידורו של שבת איז שוין מאריך אין דעם, און עס איז דאָ וואָס טוען תשובה ערב ראש חודש. ביי אונז איז דאָך ליידער גאָר שוואַך, דאַרף מען על כל פנים אַז אלול זאָל זיין אַ התעוררות. ליידער ווייסט דאָך יעדער איינער ווי אַזוי ער זעט אויס, אַז עס קען זיין אלול, און ראש השנה און עס איז נישט אַזוי געפערלעך, מען זאָגט נאָך עפּעס אַ ווערטל אַהין און אַהער, זעט מען אַז דער פחד יום הדין ליגט נאָך נישט אויפן מענטש.

איך האָב געהערט פון אַ מקור מוסמך וואָס ער האָט געהערט פון איינעם וואָס ער איז געוועזן ביים דברי חיים זי״ע, עס איז געוועזן שבת שחל להיות ט״ו באב, האט דער צאנזער רב ביי שלש סעודות מורא׳דיק געפּייערט מיט מוסר, ער האָט געזאָגט, מורי ורבותי, עס איז חמשה עשר באב, א ווערעמעל אונטער דער ערד ציטערט שוין פון פּחד יום הדין. איז דעמאָלט געפאַלן אַזאַ פּחד אויפן עולם און יעדער איז אַרויס מיט אַ געוואַלדיקע התעוררות און התרגשות.

## די געפילן זענען פאַרפרוירן

כד) אָבער אַז דער מענטש איז אַזוי אַריינגעטוהן אין די הבלי הזמן איז ער דאָס נישט מרגיש. בכלל איז דער כח הרגשה היינט אַ סך שוואַכער. מען פלעגט זאָגן אין דער היים, אין די גאָר שפּעטע צייטן, פאַר אונזער היינטיגע וועלט, ווען ס'איז געקומען דער ערשטער טאָג סליחות איז געווען ממש פקע איגרא, דער ערשטער טאָג סליחות ביי אשרי, איז געווען ממש מורא'דיק די התעוררות, און דער צווייטער זמן איז געווען א התעוררות וואָס איז געקומען מתוך אהבה, דורך הלל וואָס מען האָט געזאָגט אין בית המדרש פסח ביינאַכט, די ערשטע נאַכט פסח, וואָס דאָס איז אַן ענין פון הודאה, אַן אַנדערע בחינה. דאָס איז געווען מתוך אהבה.

און היינט אַז מען קוקט זיך אָן זעט מען, עס איז געקומען דער ערשטער טאָג סליחות, נאָך אשרי, עס איז נאָך אַלץ זייער שוואַך, זעט מען וואו מען האַלט, עס איז שוין אַוועקגעגאַנגען דער יעדן טאָג'דיקער זמן פון תשובה, עס איז שוין דורכגעגאַנגען ראש חודש, עס איז שוין אָנגעקומען אלול, ס'איז שוין דורכגעגאַנגען ראש השנה, די אַלע זמנים, עס איז טרוקן און עס איז זייער קאַלט. על כל פנים, דער מציאות פון דער זאך איז, אַז אַפילו אויב אַ מענטש זאָל זיך קענען באַרואיקן ביי זיך ער וועט תשובה טוהן, איז אפילו ער איז אין דער בחינה פון אחטא ואשוב, איז אַ מענטש מיט אַביסל ישוב הדעת זעט אַז מ'איז אַזוי ווייט אָפּגעקילט אַז מען דאַרף אַ געוואַלדיקע התעוררות מען זאָל צוקומען צו אַביסל תשובה מיראה. און לאידך גיסא, מצד שני איז מען דאָך מלא חטאים עוונות ופשעים, מען רעדט דאָך שוין נישט פון די ערנסטע חטאים, נאָר אַפילו די זאַכן וואָס גייען אַריין אין כלל פון התרשלות, טאַקע אַזוי ווי דעם ענין וואָס מ'רעדט יעצט, אַז אַ מענטש זאָל זיך מאַכן אַ פשוטן חשבון דורכן טאָג, וויפיל אמנ'ס האָב איך יאָ אינזינען געהאַט און וויפיל האָב איך נישט אינזינען געהאַט, וויפיל האָב איך געזאָגט און וויפיל האָב איך נישט געזאָגט, ס'איז ממש מורא'דיק. דאָס איז דאָך אַלץ זאַכן וואָס יעדער איינער ווייסט.

## וואָס מיינט אמת'ע תשובה

**כה)** יעדער איינער ווייסט דאָך אַז דער איבערשטער איז נישט מוותר. די גמרא זאָגט כל האומר הקב"ה וותרן הוא, יוותרו מעוהי. דער איבערשטער איז נישט מוותר גאָרנישט. אויף דער וועלט האָט מען נאָך אַ ברירה תשובה צו טאָן, אויף דער אַנדערער וועלט איז דערנאָך. אַז מען טוט תשובה איז דאָך דאָ צוויי חלקים, קודם כל דאַרף זיין אַ געהעריקע חרטה, און נאָך דעם קומט דער צווייטער חלק, וואָס איז אויך דער שווערסטער חלק. דאָס מיינט אויסראטן אַלע קליפות און כחות הטומאה וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון די עבירות. היינט איז די ערשטע אויך אַ שווערע זאַך, אַז מען זאָל וויסן ביי זיך טאַקע אַן אמת'דיקע חרטה, מיט אַ ריכטיקער כוונה עס מער נישט צו טאָן להבא, און נאָך דעם קומט דער צווייטער חלק, אַז די אַלע כוחות און קליפות וואָס ווערן באַשאַפן דורך די חטאים זאָל מען אלעס אויסרייסן. איבער 120 יאָר ליידט מען דאָך דערפון. זיי כאַפּן זיך אַרויף אויפן מענטש. מענטשן האָבן געזוכט פאַרשידענע סגולות. איינער האָט געזאָגט בצוואה, אַז מען זאָל מאַכן ד' מיתות בית דין, אַ צווייטער האָט געהייסן מען זאָל אויסרופן בחרם אַז די קינדער זאָלן אים נישט באַגלייטן כדי די אַלע סטרא אחרא'ס וואָס זענען נולד געוואָרן פון אים זאָלן נישט נאָכגיין. יעדער האָט געזוכט פאַרשידענע סגולות מיט עצות. יעדער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן פחד. דער יום המיתה איז דאָך אַ מורא'דיקע זאַך.

## עצה פאַר כפרת עוונות

**כו)** זאָגט דער רמ"ק, נו, מען מוז דאָך זען ווי אַזוי ווערט מען פטור פון די אַלע זאַכן, איז דאָך דאָ עטלעכע עצות וואָס ווערן געברענגט. עטלעכע אופנים ווי אַזוי מענטשן קומען אָפּ די חטאים. איין אופן ווייסט מען גלות מכפרת עון, ס'איז דאָ אַן עצה פון גלות. אין די אַמאָליקע צייטן, דער רבי ר' אלימלך מיטן רבי'ן ר' זושא זיינען

געגאַנגען גלות־ליידן, זיי זיינען אַרומגעגאַנגען גלות ליידן פאַרן כלל ישראל, דאָס איז דאָך אַ העכערע זאַך, אָבער פאַר אונז דאַרפן מיר עס פאַר זיך אַליין.

גלות איז דאָך זייער אַ שווערע זאַך, גיין ליידן גלות, אָן אַ שטוב, אָן אַ הויז, נישט קיין עולם הזה נישט קיין עולם הבא, זייער אַ שווערע מעשה. די צווייטע עצה איז דאָ יסורים, מען זאָל ליידן יסורים, מורא׳דיקע ווייטיקן, וואו ער דרייט זיך, וואו ער גייט, האָט ער מורא׳דיקע יסורים. עס ווייסט דאָך יעדער אַז עס איז זייער שווער, אַפילו אַ קליינע קאָפּ־ווייטיק נעמט מען שנעל אַספירינען, מעדיצינען מיט עצות, מען קען נישט סובל זיין קיין יסורים. עס איז צר־שווער.

אַ דריטע עצה איז דאָ, עניות, אָרעמקייט. נישט זיין קיין עושר. דלות איז טאַקע זייער אַ שווערע זאַך, נישט האָבן קיין נאָרמאַלע בגד אָנצוטאָן, נישט קענען עסן א סעודה צו דער זעט, אַ מענטש האָט נישט וואָס צו עסן, עס איז דאָך נישט קיין פשוטע יסורים. אַ מענטש פאַר זיך קען זיך מסגף זיין, אָבער קליינע קינדער וויינען, זיי האָבן נישט אַ שטיקל ברויט, עס איז דאָך אַ מורא׳דיקע זאַך, איז אויך שווער.

**כז)** נאָך אַן עצה, לא עלינו ער זאָל נישט האָבן קיין קינדער, איז דאָך ממש דומה למת, ווער קען דאָס איבערטראָגן. נו געוואַלד געשריגן, מען מוז דאָך מיט עפּעס אָפּקומען די חטאים. זאָל מען איבערלאָזן ווייטער אויף יענער וועלט, איז ער דאָך נישט קיין בעל הבית אויף דעם. צווייטנס, ווען ער קומט אויף יענעם עולם וועט ער דאָך זען אַז עס האָט זיך נישט געלוינט די גאַנצע מעשה. אַזוי ווי דער רמב״ן ברענגט אין שער הגבורה, אַז די קלענסטע יסורים אויף יענער וועלט זענען זיבעציק מאָל ערגער ווי די גרעסטע יסורים אויף דעם עולם, אפילו יסורי איוב, ממילא לוינט זיך דאָך נישט איבערצולאָזן אויף יענער וועלט. מוז מען דאָך מיט עפּעס אָפּקומען. זאָגט דער רמ״ק, חז״ל האָבן אונז געגעבן אַ פיינע עצה, הנעלבים ואינם עולבים, אַז ער איז אַ מעביר על מדותיו, מ׳איז אים מבזה, מען פאַרשעמט אים,

איז כאָטש מ׳טוט אים באַעוולה׳ן מאַכט ער זיך נישט וויסנדיק, ער שוויגט, איז עס דאָך לכאורה זייער אַ פיינע נטיה, און יעדער קען זיך אַוועקגיין רואיק, ער האָט שוין ווי אַזוי עס זאָלן נמחל ווערן די עוונות. דערוויל זעט מען אַ מורא׳דיקע זאַך, פאַרוואָס דאָס האָט אַזאַ געוואַלדיקע סגולה אין זיך, ווייל עס איז דאָ אַ מורא׳דיקער יצר הרע. עס שטייט פון בעל שם טוב הקדוש, אַז ביי ״אלוקי נצור״ זאָל מען זיך געוואוינען מתפלל צו זיין, רבונו של עולם, שיק אויף מיר פאַרשידענע בזיונות פאַר כפרת עוונות, אַז ער איז ממש מתפלל איז דאָס אַ מורא׳דיקע סגולה, אַז ווען עס קומט לידי מעשה, זאָל מען נישט בועט זיין דערין. דערווייל זעט מען ווען עס קומט לידי כך, אַז ווען איינער איז אים מבזה, האַלט מען עס נישט אויס. אַפילו ווען איינער האָט שוין געלערנט, ער איז אויפגעשטאַנען נעכטן פון דעם מוסר ספר, ער האָט מקבל געווען ביי זיך, איך גיי זיין אַ מעביר על מדותי, אָבער ווען עס קומט ממש לידי מעשה, דאָס איינע מאָל מוז איך יענעם אריינזאָגן, וואָס הייסט ער האָט מיך מבזה געווען ברבים, מענטשן קענען נאָך מיינען אַז עס איז אַזוי ווי ער זאָגט, איך וועל בלייבן אַ מבוזה, און פאַרשידענע לומדישע פשעטלעך וואָס ער איז שוין מחדש. איך מוז ממש יעצט יענעם זאָגן, פון יעצט און ווייטער הויבט זיך אָן, עס איז זייער אַ שווערע זאַך. האָט דער רמ״ק אונז געגעבן אַן עצה וואָס פיזיש איז עס אַ גרינגע זאַך, אַ מענטש קען עס פאַרטראָגן, ער דאַרף נישט פאַסטן קיין תעניתים, ער דאַרף נישט מאַכן קיין גלגול שלג, ער דאַרף נישט ליידן גיהנום, אָבער אין מציאות איז עס זייער שווער דורכצופירן. איז פאַרבליבן נאָך אַן עצה. די עצה וואָס איז געבליבן איז צו ענטפערן יהא שמיה רבה בכל כחו, אויף דעם אַפילו די נסיונות פון מעביר על מדותיו האָט ער אויך נישט.

עס שטייט קורעין לו גזר דינו, שטייט אַרויס קלאָר, און טייל נוסחאות שטייט קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה, אויף איין פלאַץ שטייט אַרויס (אין תניא שטייט דער לשון) אין סימן נ״ו ס״ב יש לכוין

היטב באמן יהא שמיה רבה, שכל העונה אמן יהא שמיה רבה בכל כח כוונתו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה.

יעצט, חשובע לייענער, שטעלט אייך אָפּ און טראַכט אַריין, אַזאַ טייערע חשובע סגולה, אַוועקצונעמען אַלע בייזע זאַכן וואָס קומען דורך די עוונות, דורך אַזאַ גרינג מיטל פון זאָגן יהא שמיה רבה, און מיר לאָזן דאָס אַרויס פון די הענט, דריי מאָל אַ טאָג.

**כח)** לאָמיר גוט באַטראַכטן דעם כח פון קענען גיין אין אַלע היכלות פון גן עדן. מען גיט אים אַ ברירה בישיבה של מעלה, ער קען לערנען אין וועלכן בית המדרש ער וויל. טאָמער זאָל מען איינעם זאָגן ער האָט אַ ברירה, ער קען זיך דרייען אין אַלע בתי מדרשים פון אַלע קדושים. ער קען לערנען איין טאָג דאָ, איין טאָג דאָרט, אַ חודש אין דעם פלאַץ און אַ חודש אין יענעם פלאַץ, וועט ער נישט קענען גענוג דאַנקבאַ־ זיין פאַר איינעם וואָס האָט אים צוגעברענגט דערצו, און ווער קען אים טאַקע צוברענגען דערצו? דער מענטש אַליין. נישט בשעת'ן לערנען, אַזוי ווי עס איז דאָ אַזאַ מין מהלך, אַז ווען ער לערנט און ער פאַרטיפט זיך שטאַרק אינעם ריטב"א וועט ער זיכער זיין אין בית המדרש פונעם ריטב"א, דאָס איז אַ זאַך וואָס שטייט נישט אין ערגעץ קלאָר אין די חז"ל. בפרט ווען מען לערנט איז דאָך שוין דאָ פאַרשידענע מדרגות, צי עס איז תורה לשמה, צי לקנטר, צי פאַר כבוד, און אפשר איז ער טאַקע זוכה אַריינצוקומען צו אַ צדיק אין היכל אפשר איז עס נאָר ווען ער לערנט זיין תורה לשמה און נאָר ווען ער איז זיך גענוג מייגע אויף זיין תורה. אָבער דאָס איז דאָך אַ זאַך וואָס שטייט אין דער גמרא, פותחין לו שערי גן עדן, עס האָט גאָרנישט קיין שייכות מיטן לערנען, עס האָט אַ שייכות מיטן דאַווענען. קומט אויס לפי זה, אַז ווען איינער זיצט און לערנט, ער פּלאָגט זיך אויף אַ שטיקל גמרא, ער וואָלט זייער געהאַט חשק צו פאַרשטיין אַ שטיקל גמרא, און מען זאָגט אים נו, דער ריטב"א קומט באַלד אָן דו וועסט זיך קענען

דורכשמועסן מיט אים, צי דאַרפסט שפּאַצירן אַ קילאָמעטער אָנצוקומען צום ריטב"א, וואָלט ער זיכער אַראָפּגענומען פון דער צייט פון לערנען, עס איז דאָך תורה אַליין, צו פאַרשטיין אַ שטיקל גמרא, וואָלט ער פאַרמאַכט די גמרא אַ שעה פריער און זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג זיך צו טרעפן מיטן ריטב"א, אָדער צו טרעפן מיט רשב"א, ער זאָל אים קענען מסביר זיין די גמרא, וואָס טוט מען נישט פאַר דער תורה. אָבער ווען עס קומט זיך אויפצוהויבן צום לערנען מען גייט באַלד זאָגן קדיש פאַלט אים גאָרנישט ביי אז דאָרט ליגט אַלעס, ווען ער קומט אַרויף בישיבה של מעלה, וועט ער קענען דורכשמועסן פאַרשידענע שווערע גמרות מיט תוס׳, וועט ער זיין אין די היכלות פון די אַלע צדיקים, וועט ער קענען לערנען זייער תורה, דורך דעם וואָס ער זאָגט אמן בכל כחו.

**כט)** נאָך מער, עס איז דאָך ידוע דער פשט אין דער גמרא אין עבודה זרה וואָס רעכנט אויס פאַרשידענע בעלי תשובות וואָס זענען געוואָרן מרגע לרגע, זאָגט די גמרא בכה רבי יש קונה עולמו בשעה אחת. זאָגן מפרשים פשט, פאַרוואָס האָט רבי געוויינט, ער האָט זיך געדאַרפט פרייען, עס איז דאָך נישטאָ קיין הוה אמינא ח"ו אז רבי האָט נישט פאַרגינען. און דאָס איז דאָך זיכער נישט קיין הוה אמינא, אַז ווען איינער האָרעוועט זיבעציק יאָר האָט ער דעם זעלבן גן עדן ווי יענער האָט אין אַ רגע, נאָר דער פשט איז רבי האָט געוויינט וועגן דעם ווייל עס איז ידוע אַז מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא, אויבן אַרבעט עס פונקט אַזוי ווי אונטן, אונטן למשל איז דאָ צווישן די גייערס אין בית מדרש עטלעכע מדרגות, וואָס די משנה רעכנט אויס. איינער איז זיך מייגע אויף תורה און ער שפּירט אַ געוואַלדיגן תענוג, אַזוי ווי מען זאָגט אַז ווען די בעלי עבירה וואָלטן געשפּירט דעם געוואלדיגן תענוג פון תורה וואלטן זיי איבערגעלאזט אלע תענוגי עולם הזה און זיך אַריינגעוואָרפן נאָר אין תורה, אין שמחה כהתרת הספיקות, און נאָך דעם איז פאַראַן אַזעלכע וואָס דרייען זיך אַרום אין בית המדרש, ער

זוכט שוין דער זייגער זאָל זיך אַ רוק געבן מען זאָל קענען אַרויסגיין אויף דער פריי, ברוך השם יענער לערנט, געזונט און שטאַרק, עס פעלט אים גאָרנישט, ממש ער לעבט אַ שטיק עולם הבא, און דער אַנדערער זוכט אָפּצופטר'ן די צייט.

## מען גרייט צו פאַר זיך צו עסן אויף יענער וועלט

ל) פונקט אַזוי פאַסירט אויבן, ווען איינער איז קונה עולמו בשעה אחת, ער איז טאַקע קונה בשעה אחת, ער דרייט זיך אַהין און דרייט זיך אַהער, ער קוקט ווי אַזוי דער לערנט, ער כאַפּט אַ בליק דאָ אין גן עדן דאָרט אין גן עדן, ער זוכט מיט וואָס אַדורכצוטרייבן די צייט. דער אנדערער, אָבער, וואָס האָט געקויפט זיין עולם-הבא דורך 70 יאָר האָרעוואַניע, וואָס ער האָט זיך אָנגעהאָרעוועט אויף דעם, האָט ער מיט וואָס צו עקזיסטירן. אַזוי שטייט דאָך אין זוהר הקדוש און פון אר"י הקדוש, אַז די תורה וואָס מען לערנט אויף דער וועלט, דאָס איז די מזונות וואָס מען עסט אויף יענער וועלט. און די מצוות וואָס מען איז מקיים, דאָס זענען די לבושים. און אַז מ'האָרעוועט נישט, האָט מען נישט די צוויי זאַכן, מ'האָט נאָר תשובה געטאָן אין אַ רגע.

אָבער די אלע מקטריגים און כוחות הטומאה האָט מען נאָך נישט אויסגעהרג'עט, מען האָט אַ שאול תחתיות, פאַרשידענע מלאכי חבלה דורכצוקריכן, נאָך דעם ווייטער, ער וועט שוין אָפּפאַרטיגן מיט די אלע גיהנום'ס וועט ער נישט האָבן וואָס צו טאָן אין גן עדן, ווען ער טראַכטט פאַרשידענע סגולות ווי אַזוי ער זאָל נישט שטאַרבן אָן אַ תשובה, זאָל ער טראַכטן ער זאָל האָבן וואָס צו טוהן ווען ער ווערט שוין פאַרטיק מיט דער תשובה, ער זאָל האָבן וואָס צו לערנען אויף יענער וועלט, ממילא איז דער עיקר ער זאָל קענען זוכה זיין צו תורה. שטייט אין מדרש, אַז אויב איינער איז זיך מייגע אויף אַ זאַך אויף דעם עולם און ער פאַרשטייט עס נישט, ווען ער וועט קומען לעתיד לבוא וועט מען עס אים מסביר זיין. איז דאָך טייטש, וואָס מער תורה מען קען לערנען אויף יענער וועלט איז דאָס דער עיקר תענוג.

## וואָס טוט מען אויף יענעם עולם

**לא)** אויף יענער וועלט ווען מען קומט אַרויף איז נישטאָ קיין עפּלעך, קיין באַרן, נישטאָ קיין פאַרשידענע מאכלים לקינוח ולתענוג און פאַרשידענע זאַכן. דער קדושת לוי זאָגט דייקא יאָ אויף אַ פּלאַץ, אז בעולם הבא וועט זיין די תענוגים וואָס אַ מענטש האָט זיך גערישט דערויף. אַז אימיצער האָט געהאָרעוועט ער זאָל זיך קענען אָנעסן מיט פאַרשידענע תענוגים עס זאָל אים נישט קאָסטן קיין געלט, און ער זאָל זיין געזונט און שטאַרק, וועט ער באַקומען אַזאַ עולם הבא. און טאָמער וויל ער אַ רוחניות'דיקן תענוג, וועט ער האָבן אַזאַ עולם הבא, על כל פנים ווי אַזוי מיר פאַרשטייען פון די אַלע תענוגים, זאָל מען נישט מיינען אַז דער תענוג הרוחני איז עפּעס אַזאַ פשוטע זאַך.

## דער באַדייט פון תענוג עולם הבא

די משנה זאָגט יפה קורת רוח שעה אחת בעולם הבא מכל חיי העולם הזה, מען זאָל צוזאַמענעמען די אַלע תענוגים, די אַלע געשמאַקע טעמים וואָס אַ מענטש שפירט אויף דער וועלט, פון גאַנצן לעבן אין איינעם, קומט עס נישט צו צו איין רגע אויף יענער וועלט. דאָס מיינט אפילו איין רגע בלויז צו זיין אויף יענער וועלט, און ווי ערשט טאָמער קען ער נאָך צוקומען צו לערנען תורה אויף יענער וועלט, און נישט סתם לערנען תורה, נאָר טאַקע לערנען תורה ביי די אַלע גרויסע צדיקים, ביי די תנאים, ביי די אמוראים, און נאָך העכער, איז עס דאָך אַ מורא'דיקע זאַך. און צו דעם אַלעם קען ער צוקומען דורך דעם וואס ער איז עונה אמן בכל כחו, בכל כוונתו, זעט מען דאָך אַז עס גייט אַדורך אַ תפילה, אַ שחרית, אַ מנחה, אַ מעריב, איז דאָך אַ מורא'דיקע זאַך אַז אַ מענטש לאָזט אַרויס ממש בידים, אין זוהר הקדוש ווערט געברענגט, די ספרים ברענגען עס צו, דער שומר אמונים ברענגט עס אויך צו, אז דער וואָס זאָגט אמן איז דער היכל פון דעם מענטש איז לעבן דעם היכל המשיח, און משיח אַליין קומט אַראָפּ און ער לערנט מיט זיי תורה.

## איר קענט זוכה זיין צו זיצן נעבן אַלע צדיקים

**לב)** נאָך אַ זאַך ברענגט ער אין ספר ואמרו אמן, פון אַ ספר קדמון, אַז ווען איינער ענטפערט אמן וועט ער זוכה זיין צו זיצן לעבן אַלע צדיקים, אַז מען טראַכט אַריין אין דעם, ווייזט זיך עפּעס אַ מורא׳דיקע בילד. מען קען זען פשוטע מענטשן, מען קוקט זיי אָן אין בית המדרש, קען ער טראַכטן ביי זיך, נעבעך אַ רחמנות, ער קען נישט קיין צורת אות, וואָס איז די געוואַלדיקע גדלות זיינע, ער שטייט אין בית המדרש און ער דאַווענט, ער זאָגט אַביסל תהלים, מעמדות, דערווייל ווען ער וועט קומען אויף יענעם עולם, עולם הפוך ראיתי, וועט ער זען אַ פאַרדרייטע וועלט, דער מענטש וואָס איז געווען דער געוואַלדיקער למדן און דער גרויסער תלמיד חכם, אז ער האָט שוין יאָ זוכה געווען צו גן עדן, ווייל ער האָט געלערנט ווי מען דאַרף, וועט ער זוכה זיין צו דער מדרגה אין גן עדן לויט וויפיל תורה ער האָט געלערנט. און דער פשוטער איד וואָס האָט נישט געקענט קיין צורת אות, מיט זיין תמימות האָט ער געדאַוונט און געזאָגט אמן יהא שמיה רבה און געזאָגט זיינע מעמדות, וועט ער זיצן אין די העכסטע ישיבות, אין די העכסטע מתיבתות, דאָס איז אַן עולם האמת? וואו איז דער יושר פון דער זאַך? נאָר וואָס דען, ס׳איז אַן עולם האמת, אַז מען קוקט אַריין אין די מאמרי חז״ל זעט מען אז די אלע זאכן אזוי ווי מיר האבן דא ציטירט אזוי וועט עס זיין.

**לג)** מיר וועלן צוענדיקן קודם וועגן די האַרבקייט פון נישט זאָגן אמן. די ספרים זאָגן, דער תניא ברענגט צו אין סימן נ״ו, אַז דער וואָס ענטפערט נישט אמן געהעריק איז ווען ער אליין איז בעת צרה פאַרמאַכט מען די שערי שמים. אויך איז ידוע וואָס דער מהרש״ם שרייבט אין דעת תורה, אין די הסכמה אויפן ספר הפנים שרייבט ער דאָרט, אַז צוליב דעם זענען די פרנסות שוואַך געוואָרן, פאַרשידענע זאַכן וואָס מען זעט בזמן הזה אויך.

## מען נידערט אין די טיפסטע טיפענישן פון גיהנם

**לד)** אויסער דעם ווערט צוגעברענגט פון רבינו בחיי אין פרשת בשלח, אין אורחות צדיקים ווערט אויך געברענגט די זעלבע זאַך, אַז דער וואָס זאָגט נישט אמן בכל כחו מיט כוונה, איז יורד לדיוטא התחתונה של גיהנום, ששם חשכו מכופל, עס איז אַ געוואַלדיקע חשכות דאָרטן, ומי שנכנס לשם אינו יוצא משם לעולם ועד. דאָס איז אַ מורא׳דיקער לשון.

## וואָס עס מיינט קינדער יתומים

נאָך דעם ברענגט ער פון אַ ספר וואָס ער רעדט אַ סאַך אַרום דעם ענין פון אמן, ברענגט ער צו אַז ער האָט אַ דין ווי אַ רוצח, אַזוי ווי מיטן נישט נאָכזאָגן אמן איז ער גורם לבניו שיהיו יתומים, און דאָס ענין וואָס קינדער זענען יתומים איז דאָך אַ האַרצווייטיק וואָס די קינדער האָבן נישט ווער עס זאָל זיי מגדל זיין, צו דעם קומט צו די געוואַלדיקע רחמנות וואָס די קינדער זענען שטענדיק צובראָכן, זיי האָבן נישט קיין טאַטן, זיי האָבן נישט מיט וועמען זיך דורכצורעדן, איז ממילא טאָמער האָט ער דאָס גורם געווען מיט זיינע מעשים, דורך זיין נישט ענטפערן אמן, איז דאָס וואָס ער האָט גורם געווען אַז די קינדער זאָלן זיין יתומים, דאָס רעכנט מען אויף זיין חשבון אויך.

## אמן – עילוי נשמה

**לה)** אויב מען וויל זען דעם געוואַלדיקן ענין פון אמן, קען מען זען אַ זייער פשוטע זאַך. מ׳האָט מתקן געווען אַז לאחר מאה ועשרים פון די עלטערן דאַרף מען זאָגן קדיש. פאַרוואָס האָט מען נישט מתקן געווען, אַז תוך שנתו, י״א חודש, זאָל מען יעדן טאָג לערנען אַ פאָר בלאַט גמרא, אַ פאָר פרקים משניות, מען זאָל נאָך אַ

האַלבע שעה מקיים זיין מצוות תפילין, עס זענען דאָך דאָ תרי״ג מצוות אין די תורה, פאַרוואָס פונקט זאָל מען זאָגן אמן? נאָר אַז מען האָט דאָס בוחד געווען מעלה צו זיין די נשמה, זעט מען דאָך פון דעם אַז אמן האָט געוואַלדיקע כוחות אין זיך, שטאַרקע כוחות וואָס קענען מעלה זיין די נשמה, וואָס קיין שום אַנדערע זאַך קען עס נישט טאָן. פון דעם אַליין קען מען זען ווי מודא׳דיק דאָס איז, אַז אַפילו ביי תלמידי חכמים וואָס תורתם אומנתם שטייט נישט עד זאָל אָפּלאָזן דאָס גאַנצע קדיש זאָגן און זען צו געפינען נאָך מער צייט צו לערנען, צושטופּן און זען צו לערנען תורה נאָך אַ שעה. אַוודאי יעדעס וואָרט וואָס מען לערנט איז אַן עילוי פאַר די נשמה, אף על פי כן האָט מען זיך אַזוי געפידט, ווי די צדיקים זאָגן אַז מען זעט דעם כוח פון תפילה, אַז יום הקדוש, ביי די הייליקע תפילות וואָס מען זאָגט ביום מחילת עוונות, האָבן די חז״ל נישט מתקן געווען מען זאָל זיצן מן הבוקר עד הערב און לערנען, נאָר מען זאָל מתפלל זיין תפילות. איז דאָך אַ סימן אַז תפילות האָבן אַזאַ מין כוח וואָס מיט תורה קען מען נישט צוקומען צו דעם.

## נישט זאָגן אמן געהעריק איז פונקט ווי נישט זאגן

**לו)** איך האָב געוואָלט אַביסל אַדומערדן די ענינים אַפילו מען ווייסט שוין די האַדבקייט און די וויכטיקייט פון זאָגן אמן, סיי די האַדבקייט פון נישט זאָגן און סיי די געוואַלדיקע מעלות פון יאָ זאָגן, מוז מען דאָך וויסן פאַרשידענע פרטים פון אמן וואָס מען קען אַ גאַנץ לעבן זאָגן אמן שלא במקומו און שלא כדאוי, איז עס ממש כאילו לא ענה אמן און אפשר נאָך אַמאָל האַדבער אויך.

עס איז דאָך דאָ די באַוואוסטע מעשה פון דעם חסיד וואָס עס האָט פאַסידט ווען עד האָט נישט געזאָגט אמן, און אַזוי ווי אין ספר הגן ווערט עס נזכר, עד שרייבט גאַר דעם לשון אַז מען זאָל דורכלייענען די

מעשה, און בכלל האָט מען געזען אַלס אַ המשך פון דער מעשה ווי אַזוי עס איז נתגלה געוואָרן די מעשה, אַ זאַך וואָס איז נוגע צו דעם בעל הלבוש. זיין רבי האָט אים אָנגעזאָגט אַז ווי ער גייט זאָל ער איבערדערציילן די מעשה כדי לעורר וועגן עניית אמן, איז דאָך אַ דבר בעתו אַז מען רעדט פון דעם ענין דאַרף מען אַרויסצוברענגען די מעשה, ווייל עס איז דאָ וואָס ווייסן עס און עס איז דאָ וואָס ווייסן עס נישט. און בכל אופן איז גוט נאָך אַמאָל צו הערן.

## די מורא'דיגע מעשה פון אמן

**לז)** דער לבוש איז דאָך געווען באַוואוסט פון די גרעסטע גדולים וואָס דער כלל ישראל האָט געהאַט. פאַר מען האָט אים אויפגענומען איז מען געקומען צו אים און מען האָט אים געברענגט אַ קאָנסוס פון דער שטאָט פויזן ער זאָל ווערן רב דאָרט. איידער ער איז געפאָרן דאָרטן ווערן רב, האָט ער זיך משלים געווען אין אַלע מקצועות התורה. אויך אין דעם ענין עיבור החודש האָט ער זיך געוואָלט משלים זיין איידער ער נעמט נאָך דאָס רבנות. האָט ער געזאָגט, אַז ער איז מסכים צו נעמען דאָס רבנות, אָבער ער האָט נאָך נישט גוט געלערנט הלכות עיבור החודש, און דאָ אין דער געגנט ביי די אשכנזים האָבן נישט עוסק געווען אין דעם, וועט ער זיך אַריבערכאַפּן צו די חכמי הספרדים, דאָרט וועט ער זיך קענען משלים זיין אין דעם.

איז ער אַריבערגעפאָרן קיין איטאַליע, אין ווינִיציא, וואו עס זענען געווען אַ סאַך חכמי הספרדים, און ער האָט געטראָפן דאָרט אַ חכם ממשפחת אבוהב און דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען די חכמה. און איינער פון די עשרה לבושים איז טאַקע איין באַנד אויף עיבור החודש, וואָס ער האָט דאָרט מקבל געווען.

ווען ער איז שוין געווען כמעט פאַרטיק מיט זיין לימוד, האָט זיך געמאַכט דאָרט אַז אַ קינד האָט געמאַכט אַ ברכה ווען ער האָט געגעסן אַ פרי, און ער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, ער האָט נישט געזאָגט

קיין אמן אויף די ברכה פון דעם קינד, אזא בחינה וואָס איז מעשים בכל יום. ער האָט נישט צופיל משים לב געווען, ממילא האָט ער נישט באַמערקט ווי דאָס קינד האָט געענדיקט אַ ברכה, האָט ער נישט געזאָגט קיין אמן דערויף. וואָס געווענליך, לפי הסדר לויט ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, אז מען זעט איינער גייט מאַכן אַ ברכה, דאַרף מען זיך שוין צושטעלן און משים לב זיין וואָס פאַר אַ ברכה יענער מאַכט, כדי מען זאָל קענען ענטפערן אמן דערויף.

אַזוי ווי דער חכם האָט דאָס געזען, איז ער אים תיכף באַפאַלן און האָט זיך זייער אָנגעבייזערט אויף אים, און ער האָט אים גראָד מנדה געווען, אַריינגעלייגט אין חרם אַריין.

נישט וויסנדיק וואָס ער האָט פוגם געווען, האָט ער אים מפייס געווען, אַז ער זאָל אים מוחל זיין.

האָט דער חכם געזאָגט, ניין, מיר אַליין האָסטו גאָרנישט געטוהן, נאָר וואָס דען, אַזוי ווי דו האָסט נישט געזאָגט קיין אמן ביסטו חייב מיתה בידי שמים, ווי עס ווערט געברענגט אַז אַפילו איין מאָל אַז מען זאָגט נישט אמן איז מען חייב מיתה בידי שמים, און ער האָט נישט געוואָלט ער זאָל נענש ווערן מיט די הארבע מיתה, האָט ער עס איבערגעטוישט, האָט ער אים מנדה געווען, און אַזוי האָט ער אַראָפּגענומען די געוואַלדיקע גזירה וואָס איז געלעגן אויף אים. און ער האָט אים אויך געזאָגט, אויף איין תנאי איז מען דיר מוחל, אַז וואו דו וועסט קומען וועסטו מודיע זיין וועגן דעם געוואַלדיקן פגם וואָס דו האָסט נישט געזאָגט אמן, און זאָלסט בעטן מבניך ובני בניך עד סוף כל הדורות, אַז מען זאָל דערציילן די מעשה נורא וואָס איך גיי דערציילן.

**לח)** די מעשה בקיצור איז געווען, אַז אין די גזירות תתנ"ו איז אין אַ געוויסע שטאָט געווען אַ חסיד וואָס ער האָט ממש נישט עובר געווען קיין שום חטא. ביי אים איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, אַ גרויסער עושר, און ער איז געווען אַ מקורב למלכות אויך. ווען עס

האָט זיך געהאַנדלט עפּעס אַן ענין וואָס מען האָט געדאַרפט אויספּועל'ן ביים קייזער, איז ער דאָרט געווען און אַלעמאָל האָט ער געקענט פּועל'ן.

ויהי היום, עס האָט זיך געמאַכט אַז דער קייזער האָט אַדויסגעגעבן אַ צו גירוש, צו פאַרטרייבן אַלע אידן, און עס איז געווען אַ געוואַלדיקע צרה, און מען האָט זיך געוואָנדן צו דעם חסיד ער זאָל זען צו שתדל'ען. עס איז אויסגעקומען אַז פּונקט דעמאָלט ווען מען איז געקומען צו אים איז אויסגעקומען פּונקט בשעת מנחה לעת ערב, און ער האָט געזאָגט אַז ער מוז אַדיינכאַפּן מנחה קודם. האָט מען אים געזאָגט, ניין, עס איז אַן ענין פון פיקוח נפשות אין אַזאַ צייט, צרכי ציבור, מען מוז גיין. ער האָט זיך געלאָזט מפציר זיין און איז געגאַנגען צום קייזער.

אַזוי ווי ער קומט צום קייזער, דער קייזער האָט אים זעהר מקרב געווען אַזוי ווי געווענליך, ער איז דאָך געווען אַ קביעות'דיקער מקורב דאָרטן, האָט ער אים שטאַרק מקרב געווען כדרכו, ביני לביני ביז וואָס און ווען איז אָנגעקומען אַ גרויסער גלח פון די מרחקים, און ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט דאָרטן, און האָט זיך געקניט פאַרן קייזער און האָט אָנגעהויבן געבן אַ גרויסע ברכה פאַרן קעניג. ער האָט געזאָגט כל מיני זאַכן וואָס מען קען איינעם נאָר ווינטשן.

דער חסיד האָט געזען אַז ביני לביני ווערט שפּעט, און ווי לאַנג דער גלח דרשנ'ט דאָרט האָט ער צייט צו דאַווענען מנחה, עס געהערט דאָך שוין נישט צו פיקוח נפש, האָט ער זיך מיישב געווען, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געדאַוונט מנחה. ער האָט געהאַט אַ חשבון, אַז ווי לאַנג ער וועט ענדיקן און עס וועט קומען זיין זמן צו שטיין ביים קייזער, אַזוי לאַנג וועט ער שוין האָבן געפאַרטיקט מנחה.

**לט)** אַזוי ווי ער ענדיקט די ברכה און יענער האָט דערווייל געהאַלטן אינמיטן די שמונה עשרה, און יענער האָט דאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שפּראַך ער רעדט, ער רעדט דאָך עפּעס אַ

פרעמדע שפראַך, כל הקהל האָט געזאָגט אמן אויף דעם, און דער חסיד האָט דאָך נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך און ער האָט נאָך געהאַלטן אינמיטן דאַווענען, ממילא האָט ער נישט געזאָגט קיין אמן. האָט זיך אָנגערופן דער גלח, צי יעדער האָט געזאָגט אמן אויף דער ברכה, אַלע וואָס זענען דאָרט געשטאַנען. האָט מען אים געזאָגט יאָ. האָט ער געפרעגט צי דער איד וואָס שטייט דאָרט האָט אויך געזאָגט אמן, האָט מען געזאָגט אַז ניין. האָט דער גלח אָנגעהויבן צו מאַכן די שטיק, ווי אַזוי מען קען זיך עפּעס דאָ נוקם זיין אין אַ איד, און ער האָט אָנגעהויבן צו רייסן די האר פון קאָפּ, ויזעק זעקה גדולה ומרה, צוליב דעם וואָס דער איד האָט נישט געענטפערט אמן, און יעצט איז געווען אַן עת רצון, אַז אַלע ברכות וואָלט מקויים געוואָרן אויפן מלך און אויף זיינע קינדער און אויף זיינע דורות, און צוליב די מעשה דאָס קען מען שוין נישט צוריקציען, די ברכה קען מען שוין נישט איבערחזר'ן אַפילו אויב דער חסיד וועט שוין יעצט ענטפערן אמן. ס'איז דערנאָך.

## מיתות משונות צוליב איין אמן

**לט*)** איז דער מלך געוואָרן זייער אין צאָרן, ממש צוליב דעם חסיד'ס אמן וועט ער נישט האָבן די אַלע ברכות, ויקצוף המלך מאוד און ער האָט געהייסן תיכף אויפן פלאַץ מ'זאָל נעמען דעם חסיד און מ'האָט געטוהן מיט אים די ערגסטע מיתות משונות וואָס זענען נאָר שייך, מ'האָט אים ממש צעשניטן אויף שטיקער, איינגעפּאַקט אין אַ ליילעך אַריין און אָפּגעשיקט אַהיים. פאַרשטייט זיך אַז נאָך דעם האָט דער מלך אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון דאָרט.

אין יענע שטאָט איז געווען אַ חסיד וואָס איז געווען אַ נאָענטער חבר פון דעם חסיד מיט וועמען עס האָט פּאַסירט די מעשה. דאָס האָט אים מורא'דיק געשטערט. ער האָט דאָך געקענט דעם חסיד און האָט געוואוסט אַז ער איז אויסגעאַרבעט אין אַלע ענינים שבתורה, האָט עס אים מורא'דיק פאַרדראָסן. און טאָמער האָט ער אַמאָל עובר געווען אַ

קליינעם פגם קומט ראָך אים נאָך נישט אַזאַ מיתה משונה, ער האָט געקלערט אפשר אינעווייניק איז ער יאָרן לאַנג געווען אַנדערש און אין דרויסן האָט ער אַזוי פיל יאָרן געמאַכט אַ רושם פאַרקערט.

**מ)** רי זאַך האָט דעם צווייטן חסיד מורא'דיק געשטערט. ער האָט געפאַסט תעניתים און ער האָט מתפלל געווען צום אויבערשטן, מען זאָל מיט אים מודיע זיין מן השמים וואָס איז די סיבה וואָס האָט צוגעבערענגט אַז דער חסיד זאָל האָבן אַזאַ מין מיתה משונה. פלוצלונג, ויהי היום, ער זיצט ביי זיך אין שטוב, און ער זעט דער חסיד קומט אַפיר בהקיץ, ער איז דאָ. האָט ער זיך קורם זייער דערשראָקן, האָט ער אים געזאָגט דערצייל מיר וואָס איז געווען די מעשה מיט דיר, איך ווייס דו ביסט געווען אַ געוואַלדיקער חסיד, איז וואָס האָט פאַסירט, אַלץ איז ראָך מן השמים, פאַרוואָס איז עפעס אַזאַ עונש נגזר געוואָרן אויף דיר.

האָט אים דער חסיד געענטפערט, כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, בימי האָט קיינמאָל נישט פאַסירט אַזאַ זאַך אַז איך זאָל עובר זיין אַן עבירה, קיין שום עבירה שבעולם נישט. נאָר איין מאָל האָט זיך געמאַכט אַז אַ קינד האָט געזאָגט אַ ברכה אויף אַ ברויט, איך האָב געהערט די ברכה און נישט געזאָגט קיין אמן דערויף. דער אויבערשטער האָט מאריך אף געווען, ביז עס איז געקומען די געלעגנהייט און פונקט דעמאָלט האָט מען אים דן געווען מן השמים און דורך דעם האָט מען פון הימל צוגעפירט דעם גלח מיט דער גאַנצער מעשה, און צוליב דעם האָט ער געהאַט דעם עונש. און טאַקע פאַר אַ פשוטן מענטש איז אַמאָל פאַראַן אַז דער אויבערשטער שלאָגט אים נישט אויף דער וועלט, באַקומט ער אַן עונש אויף יענער וועלט, אָבער ביי אים האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז ער זאָל קומען מזוכך אויף יענעם עולם, איז דאָס געווען דער עונש וואָס עס קומט פאַר בלויז איין אמן וואָס מ'האָט נישט געענטפערט אויף די ברכה וואָס אַ קינד האָט געזאָגט.

פאַרשטייט זיך, אַז איינער וואָס האָט נישט באַקומען דעם עונש אויף דער וועלט, וועט ער דאַרפן ליידן אויף יענער וועלט, אַ סך ערגער ווי אויף דער וועלט. פון דעם עונש קען מען זען וואָס עס טייטשט אַפילו בלויז איין אמן נישט צו ענטפערן. האָט ער געבעטן דעם חבר ער זאָל זען צו דערציילן יעדן איינעם די מעשה מען זאָל וויסן נזהר צו זיין.

**מא)** האָט אויסגעפירט יענער חכם צום בעל הלבוש, זאָלסט נישט האָבן קיין שום טענה וואָס איך האָב דיך מנדה געווען, ווייל פון די מעשה זעסטו דאָך די האַרבקייט דערפון, בעט איך דיך אַזוי פיל אַז וואו דו וועסט האָבן אַ געלעגנהייט זאָלסטו דערציילן די מעשה פאַר יעדן איינעם, און פאַר די קינדער און די דורות נאָך דעם אויך.

דער ספר הגן וואָס איז אַ הייליק ספר רעדט וועגן דעם ענין פון אמן, ברענגט ער דאָרט אַרויס אַז ס'איז כדי אַ מענטש זאָל באַקומען אין זיך אַן אומץ, אַ התחזקות, ער זאָל זיך נישט נאָכלאָזן אין דעם ענין פון ענטפערן אמן, ער זאָל נאָר זען אז לכל הפחות אחת לחודש זאָל ער לייענען די מעשה, און זאָל אויך זען עס מפרסם צו זיין.

דאָס איז אַ הונדערט פראָצענט פאַרלעסלעכע מעשה, וואָס שטייט אין ספר הקדוש הגן, עס איז אַ מעשה וואָס איז געווען מקובל.

**מב)** יעצט וועלן מיר צוריקגיין, אַז מען ווייסט שוין די האַרבקייט פון ענטפערן אמן, זענען דאָ עטלעכע זאַכן וואָס מען דאַרף וויסן. קודם וויל איך דערמאָנען דעם תניא. דער תניא זאָגט אין סימן קכ"ד סעיף ו', שרייבט ער דעם לשון יש לגעור באנשים שלומדים בעת חזרת הש"ץ, אָדער מען זאָגט תהלים, אפילו מכוונים בסוף הברכה לענות אמן כראוי שלא תהי' אמן יתומה, אפילו ער זאָגט אמן געהעריק, משום דעם הארץ ילמדו מהם שלא לענות לשליח ציבור, אַזוי גייט עס דאָך, אינהו בדידהו ואנן בדידן, אז ער לערנט נישט ווערט ביי אַן אַנדערן אויך גרינג די גאַנצע זאַך, ויעסקו בשיחה בטילה ונמצא מחטיאים את

הרבים, מיט דעם וואָס ער לערנט דעמאָלט איז ער פשוט אַ מחטיא את הרבים, אַפילו דער תלמיד חכם.

ווייטער ברענגט ער, ולא ישיח שיחת חולין, אַ הלכה וואָס שטייט אין שולחן ערוך, ואם שח הוא חוטא וגדול עונו מנשוא, אַזאַ לשון ווערט נישט נזכר ערגעץ אַנדערש אין שולחן ערוך.

נאָך דעם ברענגט ער דעם לשון פון זוהר, שכל המשיח בבית הכנסת בשעה שהציבור עסוקין בשבחו של מקום, מראה בעצמו שאין לו חלק באלקי ישראל. דאָס איז אַ מורא׳דיקע זאַך, וואָס אין אמת׳ן אַריין איז עס נישט נאָר ביי אמן, עס מאַכט זיך אַמאָל אין אַ בית המדרש וואו מען דאַוונט, איינער קומט אַריין אין בית המדרש וואו מען דאַוונט און ער שטעלט זיך אַוועק שמועסן. לכאורה זעט אויס פון סתימת לשון הזוה״ק איז עס בכהאי גוונא אויך געזאָגט געוואָרן, דער עולם איז עוסק בשבחו של מקום, און אים אינטערעסירט גאָרנישט די גאַנצע זאַך, איך האָב גאָרנישט מיט די גאַנצע זאַך, ער דאַרף עפּעס שמועסן, איינער האָט עפּעס צו רעדן מיט אַן אַנדערן, ווען ער קומט אַריין אין בית המדרש וואו מען דאַוונט, זאָל ער אים בעטן ער זאָל אים אַ טובה טוהן און אַרויסקומען אין דרויסן און דאָרט אָפּשמועסן וואָס ער האָט צו שמועסן.

## אין יעדן דור מאַכט מען תקנות אויף דעם

**מג)** עס זענען געווען בתי מדרשים וואָס עס איז געווען אַ שטאַרקע תקנה אַז אין בית המדרש האָט מען גאָרנישט געטאָרט רעדן. אין יעדער תקופה זעט מען דאָך עס איז געווען עפּעס אַ גזירה, אַ גזירת גירוש צי ח״ו אַ גזירת כליי, אַ גזירת השמדה, שטענדיק פון די ערשטע זאַכן וואָס מען האָט געזען צו מאַכן אַ תקנה איז געווען דאָס ענין פון שיחה אין בית המדרש. שיחה בשעת התפילה. דער מי שברך פון תוספות יום טוב איז דאָך באַקאַנט, עס זענען געווען בתי מדרשים אין דער היים, וואָס במשך לאַנגע דורות האָט מען יעדע וואָך געזאָגט דעם

מי שברך, קודם כל צו געבן אַ התעוררות אויף דעם ענין, און אויסער דעם האָט מען געזען אַז עס איז נתעורר געוואָרן דאָס ענין נאָך דעם ווי עס איז געווען די געוואַלדיקע גזירות פון שנת ת״ח צוליב דעם ענין פון אמירת אמן, האָט מען געכאַפּט אַ ציטער עס זאָל זיך ח״ו נישט איבערחזר׳ן.

על כל פנים פון דעם וואָס מען האָט געטוהן לאחר הגזירה, פון דעם זעט מען דער אויבערשטער זאָל אָפּהיטן, מען קען דאָך נישט וויסן פון די חבלי משיח, אַזוי ווי מען האָט גערעדט פאַריקע וואָך, איז לעולם יקדים אדם תפילה לצרה, איז אַ סאַך בעסער אַז מען איז זיך מקדים פאַר דעם און מען טוט וואָס מען דאַרף כדי מבטל צו זיין די גזירה לגמרי.

פון די זאַכן וואָס ווערן אויסגערעכנט אין דער גמרא, און עס שטייט אין שולחן ערוך, זענען דאָ דריי האַרבע זאַכן. מען טאָר נישט זאָגן קיין אמן חטופה, נישט קיין קטופה און נישט קיין אמן יתומה. אמן חטופה איז טייטש, אז דער אל״ף פון דעם אמן איז געווען מיט אַ חטף. ביי אונז האָט מען נישט געלערנט אַזוי שטאַרק דקדוק, עס איז גאָר שטאַרק נתרשל געוואָרן, אָבער לויט ווי דער חוות יאיר און אַנדערע פוסקים שרייבן אויף דקדוק, איז מיעוטו יפה, אַביסל דערפון דאַרף מען יאָ וויסן.

## זאָגן אמן געהעריק

דער חילוק צווישן אַ חטף קמץ און חטף פתח, ביז סתם אַ קמץ אָדער אַ פתח, איז דער חילוק מען דאַרף עס אָפּכאַפּן. למשל, מען זאָגט ביי ברכת המצוות ״אשר קדשנו במצוותיו״. דער אַלגעמיינער מבטא וואָס יעדער זאָגט איז ״אשר קדשנו במצוותיו״, מען דריקט דעם פתח אל״ף, דערווייל איז עס דאָך אַ חטף פתח און מען זאָגט עס אין זעלבן מבטא ווי אַ געהעריקן פתח, אָבער אַז עס איז אַ חטף פתח דאַרף מען זאָגן אֲשֶר קדשנו (דריקן מער אויפן שי״ן), ווייל דער אות וואָס האָט אַ

נקודה פונעם פתח זאָגט ער אַרויס די נקודה שנעל, האָט ער שנעל אָפּגעכאַפּט דעם פתח.

**מד)** דאָס זעלבע איז מיט אמן. אמן איז אַ געהעריקער קמץ. טאָמער זאָגט ער אָמֶן (געדריקט מער אויפן מ״ם) האָט ער געזאָגט אַ חטף קמץ. מען דאַרף זאָגן אָמן (דריקן מער אויף אל״ף). דאָס איז דער טייטש לא יענה אמן חטופה וואָס די גמרא זאָגט אויף דעם יחטפו שנותיו, קען מען זאָגן געהעריק אמן, בכל הכוונות, נאָר פשוט ער ווייסט נישט דעם חילוק צווישן אַ געהעריקן קמץ און אַ חטף קמץ. מען מוז פאַר זיך אַליין זיך איינאיבן אין דעם.

מ׳זאָגט נאָך אַז איינער פון די גדולים האָט אין די נאַכט פון סוכות, אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעשאָקלט מיטן לולב. ווען עמיצער האָט געזען ער שפּילט זיך אַרום, ווי אַ קליין קינד שפּילט זיך, האָט ער געפרעגט, ווי קומט דאָס? איינער לערנט אַדורך מסכת סוכה, איינער אַרבעט דורך אַ שווערע סוגיא, איינער לערנט אַדורך הלכות ד׳ מינים, ווי קומט ער זיך אַרומצושפּילן מיטן לולב?

## איבונגען צו אמן

האָט ער געענטפערט, אַז ווען אַ סאָלדאַט גייט אין מיליטער, איידער ער איז שוין טאַקע רייף צו קענען שטיין אויפן פראָנט זיך צו שלאָגן, מוז ער מאַכן פאַרשידענע איבונגען. ער מוז זיך אויסלערנען ווי אַזוי צו האַלטן געווער אין דער האַנט און ווי אַזוי צו צילן אויפן ריכטיקן פלאַץ, על אחת כמה וכמה, מיר זענען סאָלדאַטן פאַרן אויבערשטן. אַ איד שטעלט זיך אַוועק אינדערפרי מאַכן די נענועים מיט די ד׳ מינים, מיט איין מאָל וועט ער זיך דערמאָנען, ניין, ס׳איז נישט גוט, מען דאַרף שאָקלען אויף אַן אַנדערן וועג, מער שאָקלען אויף דער אַנדערער זייט. ביסט דאָך אַ בחינה פון אַ סאָלדאַט, מאַכט מען איבונגען אַ גאַנצע נאַכט, כדי אַז ווען עס קומט אינדערפרי ווען מען דאַרף מקיים זיין די מצוה קען מען עס מקיים זיין געהעריק.

ביי אמן איז אויך אַזוי. מען דאַרף זיך פשוט איינאיבן ווי אַזוי מען זאָל ענטפערן אמן. איז זאָל מען ענדערש אַביסל לענגער זאָגן דעם קמץ ווי איידער מ'זאָל זאָגן שנעל.

דאָס איז איין פשט אין אמן חטופה. דער צווייטער פשט אין אמן חטופה איז אַז מען זאָגט עס איידער דער מברך האָט געענדיקט.

## זייט מזכה רבים מיט אמן און האָט אַ גרויסן זכות

**מה)** צו דעם וויל איך צולייגן וואָס באזני שמעתי כמה פעמים אַז עס איז פאַראַן אַמאָל אַ בחינה ווען איינער זאָגט הויך אמן און ער קען זיין אַ גרויסער מזכה הרבים, און ער קען זיין אַ מחטיא את הרבים. ווייל אין שולחן ערוך ווערט געפסק'נט אַז מען זאָל נישט זאָגן העכער ווי דער מברך אַליין, גדלו לה' אתי, מען דאַרף זאָגן אין דער זעלבער הייך. ברענגען די פוסקים, אין ארחות חיים און אַנדערע, אַז טאָמער זאָגט ער ספעציעל הויך כדי אַנדערע זאָלן נתעורר ווערן, דעמאָלט מעג מען זאָגן הויך. על כל פנים בין כך ובין כך, מאַכט זיך ווען איינער זאָגט העכער אמן, אָבער ער זאָגט עס שלא במקומו. ער וואַרט נישט ביז דער שליח ציבור ענדיקט די ברכה, דאָס איז זיין סדר, אַזוי איז ביי אים איינגעפירט. און דער עולם שלעפט זיך נאָך, מען לייגט נישט צופיל קאָפּ, מען הערט יענעם זאָגן אמן ווערט מען נאָכגעשלעפט אַזוי ווי אַ כאָר. איז דער זעלבער מענטש קען זיין אַ מזכה את הרבים, ווען ער זאָגט אמן במקומו, און ער קען זיין אַ מכשיל את הרבים.

## בעסער שפּעטער ווי פריער

**מו)** דאַרף מען זען ווי אַזוי ע.ס אַרבעט. טאָמער איינער קען זיך נישט מצמצם זיין אויסצורעכענען, איז ענדערש זאָל מען זאָגן אַביסל שפּעטער ווי אַביסל פריער. ווייל די הלכה איז, אַז טאָמער האָט ער

נישט געזאָגט תיכף ווען יענער האָט מסיים געווען, איז כל זמן שלא כלתה אמן מפי רוב הציבור, קען מען נאָך אַלץ זאָגן. איז טאָמער זאָגט ער אַביסל שפּעטער, ווילאַנג דער רוב הציבור האָט נאָך נישט געענדיקט זאָגן אמן, איז קיין שום חשש נישט. טאָמער אָבער זאָגט ער צו־פרי, ווי לאַנג יענער האָט נאָך נישט געענדיקט זאָגן די ברכה, איז דאָס אַן "אמן חטופה". איז ענדערש זאָל ער זיין זיכער אַז יענער האָט שוין געענדיקט די ברכה, און דאַן זאָל ער זאָגן אמן.

דער איינציקער חשש איז ווען עס מאַכט זיך אַז יענער ענדיקט די ברכה און ער פאַנגט גראַד אָן די נייע ברכה, דעמאָלט קען מען אינגאַנצן נישט זאָגן קיין אמן. אַז יענער לאָזט נישט קיין צייט צו זאָגן אמן, ווען ער ענדיקט קוים "מגן אברהם" הויבט ער שוין אָן "אתה גיבור". טאָמער האָט ער אָבער געגעבן אַ מקום, ווי לאַנג דער ציבור האָט נישט געענדיקט זאָגן אמן, אַזוי לאַנג קען מען זאָגן.

## נישט זאָגן אמן געהעריק איז פונקט ווי נישט זאגן

**מז)** נאָך אַ זאַך, אַמאָל איז פאַראַן מען זאָגט אמן און עס איז נישטאָ דער ענין פון כלתה אמן מפי הציבור, ווייל עס איז נישטאָ קיין ציבור דאָרט, און ער איז אַ יחיד אַליין וואָס ער הערט דעם אמן, איז ביז תוך כדי דיבור האָט ער נאָך צייט צו זאָגן, זאָל ער וואַרטן ביז ער הערט קלאָר ווי יענער ענדיקט, און אַן אויפריכטיקער בעל תפילה און אַ געהעריקער שליח ציבור דאַרף אויך אַזוי טוהן, ווען ער דאַוונט פאַרן עמוד זאָל ער ענדיקן די ברכה, און ער זאָל זיך נישט איילן צו די צווייטע ברכה, כדי ער זאָל לאָזן דעם עולם זאָגן אמן, און נאָך דעם זאָל ער זאָגן ווייטער. ער דאַרף נישט וואַרטן יותר מדאי, אָבער על כל פנים נישט צו לויפן.

# אַ שליח ציבור (חזן)

**מח)** אַ שליח ציבור דאַרף מען זיך צוגעוואוינען ווי אַזוי צו זיין. דער פלא יועץ זאָגט, אַז צדיק כתמר יפרח כארז, איז יפרח כארז בלבנון איז די סופי תיבות חז״ן, און ביי אַ חזן וואָס ער ווייסט געהעריק ווי אַזוי צו דאַוונען אַז אמן און אַלע אַנדערע זאַכן זאָלן זיין געהעריק, איז זייער אַ געוואַלדיקע זאַך און אויף אים ווערט געזאָגט דער פסוק אַז צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון, און ממילא איז ווען מען דאַוונט פאַרן עמוד זאָל מען וויסן אַז נישט עס איז אַן ענין מען זאָל זיך אַרויסדרייען נישט צו דאַוונען פאַרן עמוד, נאָר פאַרקערט, מען זאָל טאַקע יאָ צוגיין פאַרן עמוד, און מען הייסט בגדר מזכה את הרבים, ער גייט צו פאַרן עמוד און ער זעט דערצו אַז ביי יעדע ברכה אָדער אַ קדיש, אַפילו ביי קדיש, ביי יעדן קדיש און ביי יעדע ברכה זאָל ער זאָגן כדת וכהלכה וועט ער זיין אַ גרויסער מזכה את הרבים. ער וועט נישט צוקומען צו קיין אמן יתומה, און דאָס איז דער גרעסטער עילוי נשמה פאַר די עלטערן אין טאָג פון יאָרצייט.

**מט)** ביי קדיש, צום ביישפיל, מען זאָגט יתגדל ויתקדש שמי׳ רבה, דאָרט מיינט דער בעל תפילה אַז דער עולם דאַרף זאָגן אמן און ער דאַרף צו פאָרן ווייטער בשעת דער עולם זאָגט אמן. עס איז אָבער נישט אַזוי, ער דאַרף וואַרטן ביז ווילאַנג מען ענדיקט אמן. דער שיעור פון וואַרטן איז אַז אַן אמן בינונית זאָל מען האָבן פאַרטיק. געווענלעך קען מען דאָס מעסטן לויטן ציבור, מען ווייסט ס׳איז דאָ מאריכים אויף זיי וואַרט מען נישט, אָבער אויף די אַנדערע דאַרף מען וואַרטן בערך, אויף די וואָס זאָגן געהעריק נאָרמאַל. מען קען זיך אויך נישט רעכענען מיט די וואָס זיי כאַפּן־אָפּ דעם אמן.

ווען מען קומט צו בעגלא ובזמן קריב ואמרו אמן, גיט מען אַ זאָג בעגלא ובזמן קריב ואמרו אמן, און דעמאָלט פאָרט מען גראָד צו יהא שמי׳ רבה, ווייל מען ווייסט דאָך פון דעם ציבור אַז אמן יהא שמיה

רבה איז איין לאַנגער פסוק. רערוויל איז דאָס נישט ריכטיג. מען דאַרף זאָגן בעגלא ובזמן קריב ואמרו אמן, און וואַרטן ביז דער עולם זאָגט אמן, און נאָך דעם מעג דער בעל תפילה אָנהייבן יהא שמי׳ רבה, ער זאָגט יהא שמי׳ רבה ווייטער. און ביי יתברך איז די זעלבע זאַך, ער דאַרף וואַרטן ווי לאַנג דער עולם ענדיקט, ביז יתברך, און נאָך דעם גייט מען ווייטער, יתברך וישתבח.

טאָמער שפירט איינער, אַז ער קען נישט הערן דעם סוף ווייל ער ווייסט נישט צי דער בעל תפלה האָט געענדיקט, איז ענדערש זאָל ער נישט זאָגן קיין אמן, מען ווייסט דאָך אַז עס איז אַ געפערלעכע זאַך אז מען זאָגט נישט אמן, אָבער עס איז נאָך ערגער אַז טאָמער ער זאָגט עס נישט געהעריק.

**ג)** די זעלבע זאַך איז מיט אמן קטופה, אמן קטופה איז טייטש אַז ער ענדיקט נישט דעם אמן געהעריק. איז קודם וויל איך זאָגן לגבי דעם אמן חטופה וואָס מען האָט גערעדט, עס שטייט דאָך אין די פוסקים נישט דווקא ווען ער זאָגט מיט אַ חטף, הוא הדבר יעדע סאָרט קריאה וואָס ער האָט דאָרטן באַנוצט, יעדע סאָרט נקודה חוץ אַ קמץ, איז אלעס בגדר אמן חטופה.

אמן קטופה איז זייער אַ וויכטיקע זאַך. עס שטייט אין מחבר, דער תניא זאָגט עס אויך, אשר מחסר קריאת הנו״ן, שאינו מוציאה בפה שתהא ניכרת. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער לשון. וואָס מיינט ער דאָ? האָב איך עס אַמאָל מסביר געווען, אַז די טבע פון אַ מענטש, ווען ער זאָגט אמן איז פאַר זיך אַליין טראַכט מען נישט צי ווען ער האָט געזאָגט אמן האָט ער געזאָגט די נו״ן אויך, ווייל ברגע וואָס ער הערט אויף צו רעדן, ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם אמן. אויטאָמאַטיש פון זיך ווערט אַ נו״ן, ער דאַרף נישט דירעקט טוהן אַ פּעולה אַז די נו״ן זאָל אַרויסקומען, אַז ער זאָגט בלויז אל״ף מיט מ״ם ווערט שוין אַ נו״ן פון זיך. אמן, דער נון איז דאָרט, אַז די צונג שטעלט זיך אָפּ ווערט שוין דערפון אַ נו״ן. אַזוי איז די הרגשה פון מענטש. אָבער להלכה איז דאָס

נישט געווג. עס מוז זיין מוציאה בפה שתהא ניכרת, מען מוז זאָגן "אמן". עס איז אינטערעסאַנט, אבער דאָס איז די הלכה. אַז מען לערנט גוט אין שולחן ערוך און אין תניא, זעט מען אז מען מוז זאָגן אמ"ן. און אז מען זאָגט עס נישט אויף דעם אופן, איז ער אין דער בחינה וואָס ער זאָגט דעם נו"ן, אבער ער איז אינו מוציאה בפה שתהא ניכרת.

## זאָגן קדושה אַזוי ווי מען דאַרף

**נא)** די הלכה פון כלתה אמן מפי רוב הציבור איז אַ נפקא־מינה לגבי אנדערע זאַכן אויך. עס איז אַ נפקא מינה לגבי קדושה. ער האָט געענדיקט שמונה־עשרה, און מען האַלט שוין קדוש קדוש קדוש, ער ווייסט נישט צי ער זאָל מיטזאָגן אָדער נישט מיטזאָגן, איז ווי לאַנג דער רוב הציבור האָט נאָך נישט געענדיקט די עיקר קדושה, דאָס טייטש קדוש ביז כבודו, און ברוך ביז ממקומו, און ימלוך הללוי׳ ווילאַנג מען האָט נאָך נישט געענדיקט, אַזוי לאַנג קען ער אָנהייבן. און דאָס איז כדאי צו וויסן, ווייל איך הער אַ סאַך מאָל צו ווי מען זאָגט קדושה, אַז דער עיקר פון קדושה איז דאָך קדוש ברוך און ימלוך, און דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער ווען ס׳האַנדלט זיך מיט ברכת קריאת שמע, מ׳זאָגט אלוקי נצור, און דערווייל ביי קדוש גיט ער אַ פלי אַראָפּ און לעומתם משבחים ואומרים שרייט ער הויך. צי ווייל עס איז עפּעס אזא סדר אין חזנות, אַ סאַך האָבן אַזאַ טבע אַז אין די פּלעצער וואו אין דאַווענען וואו מען קען זיך חזנות׳ן, זאגט מען הויך און פאַמעלעך, דאָס איבעריקע פליט ער אָפּ. לעומתם משבחים ואומרים הערט מען הויך קולות, און קדוש קדוש מלא כל הארץ כבודו איז אים נישט אינטערעסאנט, דער גאַנצער קדוש איז כדי מען זאָל קענען אָנקומען צו לעומתם משבחים ואומרים, און ביי ובדברי קדשך כתוב לאמור — דאָרט צעפייערט ער זיך, דערווייל דאַרף זיין פאַרקערט. טאָמער וועט איינער זאָגן קדוש קדוש נאָרמאַל און וועט נישט קענען ענדיקן לעומתם משבחים ואומרים, דאָס איז דאָך נאָר אַ הקדמה פון ברוך

כבוד ה׳, וקרא זה אל זה ואמר איז אויך די הקדמה פון קדוש, לעומתם משבחים ואומרים איז די הקדמה פון ברוך כבוד ה׳, ובדברי קדשך כתוב לאמור איז די הקדמה פון ימלוך, איז זאָל ער אויסלאָזן די גאַנצע הקדמה וואָס איז נישט מעיקר הקדושה, און דער עיקר די קדושה אַליין זאָל ער זאָגן געהעריק, אין קדושה שטייט מורא׳דיקע זאַכן.

## ווי אַזוי ווערט מען אַ צדיק

**נב)** דאָס שטייט דאָך אויך אין ספר הגן, אַ מענטש דאַרף מקיים זיין יעדן טאָג וואָס עס שטייט אין וואָרט צדיק, דער וואָרט צדי״ק איז צ׳ אמנים, ד׳ קדושות, י׳ קדישים און ק׳ ברכות, וואָס טאָמער טוט ער די זאַכן, גייט ער אַריין אין גדר צדיק. ממילא דאַרף מען וויסן ביי קדושה, וואָס איז דער עיקר איז דער עיקר.

דאָס זעלבע ביי קריאת התורה, דאַרף מען נאָכזאָגן ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד ווי לאַנג דער רוב הציבור האָט נאָך נישט געזאָגט קען מען נאָך זאָגן. און אַמאָל מאַכט זיך פשוט אַז מען זאָגט אַ שם לבטלה. טאָמער דער וואָס גייט אַרויף עולה זיין צו די תורה, טאָמער האָט ער נישט קיין צען וואָס זאָגן נאָך ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד, וואָס זיי הערן ווי ער זאָגט ברכו את ה׳ המבורך, איז די הלכה אַז דער וואָס הערט אים אַליין איז נישט קיין חילוק צי ס׳איז דאָ צען אָדער נישט, ער האָט אים געהערט זאָגן ברכו את ה׳, מעג ער נאָכזאָגן. אָבער אַנדערע וואָס האָבן אים נישט געהערט, זיי הערן נאָר ווי דער עולם שרייט ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד, טאָמער האָט ער אַן ערנסטן חשש אַז עס זענען נישטאָ קיין צען וואָס הערן, זאָל ער נישט נאָכזאָגן ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד. נאָר נאָך דעם ווי דער ציבור זאָגט ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד, דאַרף ער זאָגן אמן אויף דעם. קומט אויס, און עס שטייט אַזוי אין שולחן ערוך, אַז זיי זענען גוזל את הרבים, די וואָס זאָגן נישט הויך ברכו את ה׳ המבורך, מען זעט אַ סאַך מענטשן, ברוך ה׳ זיי האָבן אַ שטימע, מען הערט זיי אַ גאַנצן טאָג בקול רעש גדול, אָבער ווען ער

קומט צו צו די תורה, ממש באימה וביראה, מיט אַ פחד, ער ציטערט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט פון מויל, ברכו את ה׳ המבורך קען ער נישט זאָגן הויך.

**נג)** דאָס דאַרפן וויסן די וואָס שטייען לעבן די תורה, און זיי צעפייערן זיך הויך ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד, און אַזוי ווי עס איז דאָ אַ גרויסער חלק פון דעם ציבור וואָס זיי וויסן נישט די הלכה ווען יאָ זאָגן און ווען נישט זאָגן, מיט דעם וואָס ער צעפייערט זיך און דער גאנצער עולם זאָגט מיט, און דער עולם איז נישט געווען באַרעכטיקט מיטצוזאָגן ווייל עס זענען נישט געווען קיין צען וואָס האָבן געהערט, און די הלכה איז נישט נאָר ביי קריאת התורה, די הלכה איז סתם אַזוי ביי ברכו פון מעריב, אָדער ביי שחרית, ווען ער זאָגט ברכו און עס זענען נישטאָ קיין צען וואָס האָבן געהערט דעם ברכו, טאָר מען נישט נאָכזאָגן ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד, נאָר די וואָס הערן.

די זעלבע זאַך טאָמער איז דאָ אַ פּינקטלעכער מנין אויף מעריב, אַז דער בעל תפילה וואָס זאָגט ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד דאַרף עס מיטזאָגן מיטן ציבור אינאיינעם. ער טאָר נישט אויסוואַרטן דעם ציבור און נאָך דעם זאָגן ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד, ער דאַרף מיטן ציבור צוזאַמען זאָגן ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד.

## לאָמיר מאַכן דעם סך־הכל (באַלאַנס)

**נד)** דורך דער מצוה פון זאָגן אמן יהא שמיה רבה הויך און מיט דער ריכטיגער כוונה און מיט כח, קענט איר צוקומען צו אַלעם וואָס איר קענט זיך אַליין ווינטשן אויף דער וועלט און גלייכצייטיק אויף יענער וועלט!!!

**א)** אַלץ וואָס איז אָנגעשריבן ח״ו פון שלעכטע גזירות ווי צום ביישפיל קראַנקהייטן אָדער אַנדערע צרות וואָס צעברעכן אידישע הערצער און שטיבער, אַלץ קען מען צעשטערן און צונישט מאַכן.

**ב)** אויסמעקן אַלע עבירות אָן יסורים און גלות-לידן, אָרער ח״ו צער גידול בנים.

**ג)** דערלעבן מיט געזונט און נחת חתונה צו מאַכן די קינדער און אייניקלעך בעזה״י.

**ד)** אויסהיטן די קליינע אומשולדיגע שעפעלעך פון אַלע ערליי קינדער פראָבלעמען.

**ה)** פרנסה בריווח און בכבוד אַלע יאָרן.

**ו)** אַ שטאַרקער כח קעגן אַ גוט אויג (עין הרע).

**ז)** אויף יענע וועלט הערן תורה פון מלך המשיח, און קענען אַרומגיין אין אלע היכלות פון תנאים ואמוראים צו לערנען זייער תורה.

**ח)** מקבל-פנים זיין אַלע צדיקים פון יענע וועלט, ווען מען וויל.

**ט)** לערנען תורה אין גן-ערן שפירנדיג דעם זיסן אומענדלעכן תענוג פון תורה בעולם הבא, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן.

**י)** פטור זיין פון די שווערע שטראָפן אויף יענע וועלט, דאָס פייער פון גיהנם, חיבוט הקבר, שאול תחתית, כף הקלע, גלגול און נאָך.

**יא)** און זעלבסטפאַרשטענדלעך פטור זיין פון אַלע גרויסע שטראָפן פאַר נישט זאָגן אמן מיט יהא שמיה רבה.

## פאַרוואָס טו איך דאָס פאַרנאַכלעסיגן (התרשלות)

דער תירוץ איז אַז איך מוזט שטיין אויף דער וואַך ווי אַ געטרייער סאָלדאַט און אויספירן דאָס פאָלגענדע. דעמאָלט וועט איך בעזה״י מצליח זיין.

**א)** ווען עס קומט דער קדיש און נאָך פריער, גרייט זיך צו צום ענטפערן ווי מען דאַרף מיט כח און כוונה, און אינערלעכן ברען.

**ב)** פאַר דעם דאַווענען זיך מתבונן זיין בקיצור אין דער וויכטיגקייט פון ענטפערן אמן.

## צום אויספיר

**נה)** ווער עס וויל אויף אַן אמת זאָגן אמן און נישט נכשל ווערן ח"ו אפילו מיט איין אמן אָדער יהא שמיה רבה, זאָל האַלטן פאַר די אויגן דאָס פאָלגענדע:

**א)** ווען איינער הייבט־אָן אַ ברכה, אַפילו אַ קינד, שטעל אָפּ אַלץ וואָס דו טוסט — לייג צו דיינע אויערן, און זאָגן אמן הויך מיט כוונה.

**ב)** אויב עמיצער קומט רעדן מיט דיר ווען אַן אַנדערער זאָגט אַ ברכה — אָדער ביי קדיש — אָדער שמונה עשרה אָדער לייענען, ענטפער נישט. ווייז אויפן מויל אַז דו קענסט יעצט נישט רעדן (האָב נישט מורא, קיינער וועט זיך נישט באַליידיגן). נאָך אַ פּאָר טעג וועלן שוין מענטשן וויסן אַז מיט דיר קען מען נישט שמועסן.

**ג)** אויב דו ביסט פאַרטיפט אין אַ ספר, שטאַרק זיך און מאַך עס צו. אויב נישט, וועסטו זיכער נכשל ווערן, און עס איז דער כח פון יצר הרע וואָס גיט אַריין אַ שטאַרקע זיסקייט אינעם ספר דווקא דעמאָלט, מען זאָל זיך נישט אָפּרייסן. לאָז דיך נישט פאַרפירן, מאַך־צו דעם ספר און ענדיג דיין קוקן נאָכן דאַווענען, דעמאָלט האָסטו גענוג צייט.

**ד)** איידער דו הויבסט אָן דאַווענען, טראַכט אַ מינוט אַז אָמן זאָגן איז די העכ[ס]טע און טייערסטע זאַך פאַר דיר. עס וועט ברענגען דיין גליק אויף דער וועלט און יענע וועלט. באַשליס פעסט! **איך וויל דעם אוצר נישט אַרויסלאָזן!!!**

**ה)** באַשטים דיין פּלאַץ אין שוהל נעבן ערנסטע מענטשן וואָס דאַווענען.

# ועד עולמי למען קדושת בית הכנסת ואמירת אמן

WORLD SOCIETY FOR THE SANCTITY OF THE SYNAGOGUE
1274 - 49th St. Suite 11 Brooklyn N.Y. 11219 Tel. (718) 436-1180

**ארגאניזאציע פון בני תורה צו פארעכטן, גרונד־פעסטיגן און דערהויבן די הייליגקייט פון שולן און בתי מדרשים, און צוריק צו שטעלן די מצוה פון ענטפערן אמן עס זאל זיין כדת וכדין — אלעס נאר לשם מצוה**

**די ארגאניזאציע באשטייט פון:**
**רבנים, ראשי ישיבה, און תלמידי חכמים עוסקים בתורה.**
**דער ציל פון די ארגאניזאציע איז:**

צו פארעכטן און פארשטארקן די יסודות פון ״קדושת בית הכנסת ובית המדרש״. מיר לעבן היינט אין א צייט פון ״עקבתא דמשיחא״, ווען פארשידענע צרות רח״ל טרעפן ל״ע דעם כלל ישראל איבעראל. אפטע צרות וועלכע טרעפן אויך אהן גאר פיצלעך קינדער, וואס ווערן אנגעשטעקט פון קראנקהייטן און אנדערע צרות. עס קומט ליידער אויף אזא גרויסן פארנעם וואס איז נאך נישט געווען ביז היינט. לויט די מיינונג פון חז״ל אין די מדרשים קומען זיי אלע ווי א

**רעזולטאט פון דעם זלזול אין קדושת בית המדרש, און פון דער נאכלעסיגקייט פון ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבא״,** וואס איז פון אייביג אָן געווען ווי א פאנצער פאר דעם כלל ישראל, אַ באשיצער פון אלע שלעכטע אנשיקענישן, און וואס האט מבטל געווען די אלע קטרוגים און גזירות רעות נאך בעפאר זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט.

**וואס עס ווערט געטאן**

די ארגאניזאציע האט אנגעפאנגען מיט א שטארקן קאמפיין אויפוועקן דעם כלל, און דערמאנען דאס פארגעסענע. מיט א קול פון **״עורו ישנים משינתכם ונרדמים מתרדמתכם״**, (וועקט אייך פון שלאף איר שלאפענדע מענטשן) האבן מיר געשריגען און גערופן דעם ציבור, שטייט אויף און טוט פאר דעם באשעפער באצייטענס, אנצושטילן דעם מקטרג און מבטל צו זיין אלע שלעכטע גזירות פון די שונאי ישראל, דורך די **איינציגע עצה** וואס איז אונז פארבליבן אין גלות, וואס איז די **תפלה** און דאס ענטפערן **אמן**, ווי אויך דאס שטיין מיט יראת הכבוד און **שווייגן בשעת דעם דאווענען**, בפרט ווען מען זאגט **קדיש, הויכע שמונה עשרה און קריאת התורה.** אין דעם זכות וועט דער באשעפער אוועק נעמען דעם מלאך המות, און וועט משפיע זיין נאר גוטס פאר דעם אידישע פאלק, אזוי ווי ער האט אונז אנגעזאגט דורך זיינע הייליגע נביאים, ווי עס איז געברענגט אין זוה״ק און אין די מדרשים.

**וויאזוי ווערט די ארבעט געטאן**

עס זיינען שוין אפגעדרוקט געווארן בערך 170,000 עקזאמפלארן פון דעם קונטרס **״מקדש מעט״**, און צושפרייט געווארן אין די גאנצע וועלט, אויף יעדן ארט וואו עס קומט אהן דער **״דבר ה׳״.** האָט עס בעזהי״ת געמאכט א שטארקע התעוררות אין די אלע ערטער, און עס האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס אידישע פאלק איז באמת הייליג,

און ווי נאר מען דערמאנט זיי און מען קלערט זיי אויף מיט א פארשטענדליכן אופן, איז עס פאר זיי געננוג אויף צו וועקן דאס פינטעלע פון דעם הייליגן פייער, וואס ברענט ביי זיי טיף אין הארץ. אידן זיינען נתעורר געווארן צו שטיין אויף דער וואַך, און היטן אויף זיך, אויף די משפחה, אויף די שכנים און פריינד, צו היטן אלעס וואָס עס שטייט געשריבן אין יענעם קונטרס. אויך רבנים און ראשי ישיבה זיינען נתעורר געווארן אפצוהיטן זייערע בני הקהילה, זייערע תלמידי הישיבה, דורך שטעלן היטער וועלכע זאלן כסדר דערמאנען אז מען טאר נישט רעדן בשעת תפילה וקריאת התורה.

### וואס מען האט שוין אויפגעטאן

עס לאזט זיך גארנישט גלויבן די גרויסע איבערקערעניש וואס עס איז געמאכט געווארן א דאנק אט די התעוררות. דאס אפגעהיטענקייט אין דעם ענין איז ב"ה פארבעסערט געווארן אומצאליגע מאל מער ווי מען האט זיך גערעכנט. דא ווילן מיר אנצייכענען נאר עטליכע ביישפילן פון וואס עס איז אונז באקאנט געווארן דורך אונזערע חשוב'ע עסקנים וועלכע ארבייטן בכל תפוצות ישראל.

**1.** רבנים וועלכע האבן זיך יארן לאנג געפלאגט, וועלענדיק איינפירן אין זייערע בתי מדרשים דאס שטיל שווייגן בשעת התפלה, און ערוועקן דעם באוואוסטזיין ביי אידן איבער די הייליגקייט פון ביהכ"נ וביהמ"ד, איבער די גרויסקייט פון דאווענען און פון ענטפערן אמן — האבן זיך געפלאגט און מיד געווארן פון זוכן אין צענדליגער ספרים צו געפונען די צוגעפאסטע מאמרי חז"ל אדער מאמרים פון ספה"ק אויף דעם ענין. איצט, מיט'ן ערשיינען פון דעם קונטרס "מקדש מעט" האבן זיי געפונען פאר זיך א גאנצן אוצר, וואס ענטהאלט אין זיך אלעס וואס שייך צו דעם ענין. אנהויבענדיק פון די פסוקים ביז צו דעם לעצטן ספר פון דעם היינטיקן דור. אלעס איז מסודר מיט א געניעם סדר, און עס איז לייכט צו געפינען יעדער זאך. אין נישט מער ווי עטליכע מינוטן קען מען א דורך בליקן דעם גאנצן ענין, און האבן געננוג חומר לדרוש.

2. פאראנען רבנים וועלכע באנוצן זיך מיט דעם ספר ביים פארקוקן זיך די דרשות פאר קריאת התורה, אדער פון אנדערע זמני התעוררות, ווי: שלש סעודות, פאר תקיעת שופר, שבת תשובה און כל נדרי.

3. אויך זיינען פאראנען רבנים וועלכע לערנען אין דעם קונטרס א שיעור ברבים פאר בעלי בתים (פאר דער באקוועמליכקייט פון עלטערע אידן איז עס געדרוקט געווארן מיט גרויסע און קלארע אותיות, עס זאל זיין לייכט צום לייענען).

4. מלמדים באנוצן זיך מיט דעם צו ערוועקן דעם ענין ביי תינוקות של בית רבן. אט די מלמדים האבן די חז"ל פארגליכנט צו די שטערן פון הימל, דערמיט וואס זיי זיינען מזכה את הרבים, און ברענגען די קינדער לחיי העולם הבא. אלע מצוות וואס די קינדער טוען אין די שפעטערע יארן ווערט פארעכנט אויפ'ן חשבון פון די מלמדים ולזכותם. עס זיינען ב"ה פאראנען מלמדים וועלכע לערנען מיט די קינדער יערן טאג א האלבע שעה פאר'ן לערנען אין דעם קונטרס, און זיי זעען ב"ה גוטע פרוכט פון די ארבעט. (לתועלת פון די קינדער איז עס איצט געדרוקט געווארן מיט גרויסע אותיות, לויט א פארלאנג פון א מלמד, וועלכער האט געלערנט מיט די קינדער אין דעם ספר, און האט געשיקט א שיינעם סכום "מעות קדימה" בכדי עס צו דרוקן מיט פארגרעסערטע אותיות, לתועלת הרבים, בפרט פאר די הייליקע אידישע קינדער). פאר אָט די מלמדים איז צוגעגרייט א מתן שכר אָהן א שיעור וערך.

5. די מנהלים פון מוסדות התורה זיינען מעורר די מלמדים צו לערנען אין דעם ספר. דערמיט זיינען זיי אויך פארעכנט בכלל מזכי הרבים.

6. ראשי ישיבות לערנען עס מיט די עלטערע תלמידים, און דערוואַרעמען זייערע הערצער דורך דעם צום הייליגן באשעפער אין הימל. די תלמידים וועלכע לערנען און הערן זיך צו, דערקענט מען

אויף זייערע פנימ'ער א געוואלדיגער השתנות לטובה, און ווער עס זעהט זיי קען מעיד זיין אז דאס זיינען **"זרע ברך ה'"**.

**7.** בחורים און ישיבה לייט זיינען קובע שיעורים איינער מיט דעם אנדערן, צו לערנען אין דעם א יעדן טאג. זיי פילן דורך דעם א געוואלדיגן שנוי צו דעם גאנצן צוגאנג צו דער זאך. דעריבער זיינען טאקע דא אנדערע וועלכע זיינען מדקדק צו לערנען דאס ספר דייקא פאר'ן דאווענען, ווייל נאך דעם דאווענט זיך אינגאנצן אנדערש. מיט מער טעם און מיט מער התלהבות.

**8.** עלטערן פון קינדער באנוצן זיך מיט דעם אויסצולערנען זייערע קינדער די מעטאדן פון מלחמת היצר, וויאזוי אים בייצוקומען ווען עיר וויל שטערן פון דאווענען בכונה, און וויל מכשיל זיין מיט רעדן בשעת התפלה וקריאת התורה. זיי ערקלערן די קינדער, דורכ'ן ספר, די גרויסקייט פון ענטפערן אמן, און זעען ב"ה נחת פון די ארבעט.

**9.** מגידים און דרשנים און אלע בעלי מוסר, ווייזן ארויס גרויס פרייד און פארגעניגן, דערמיט וואס דא אין דעם ספר ליגט פאר זיי גרייט אלעס וואס זיי דארפן וויסן און זאגן בשייכות צו דעם ענין.

**10.** בעלי בתים זיינען מעיין אין דעם ספר אין בית המדרש, אין זייער פרייער צייט, אדער ביים לייענען בין גברא לגברא.

### די אומגעהויער גרויסע הצלחה

די פילע בריוו מיט מאראלישע שטיצע וועלכע גרייכן דעם וועד טאג טעגליך, פון אלע עקן וועלט, זיינען די בעסטע עדות אויף די גרויסע הצלחה וואס דער קונטרס האט ב"ה געהאט. דערצו זאגט אויך פיל דער פאקט וואס מיר האלטען שוין ביים דרוקן אימיטען די צווייטע הונדערט-טויזענט עקזאמפלארן, ווייל די ערשטע זיינען שוין צוכאפט געווארן. דער אויפשיין פון הצלחה וואס דער קונטרס האט צו איר זוכה געווען, גיט אריין אין אונז א געפיל פון חיזוק, און באווייז אז אין הימעל איז מען ב"ה צופרידן פון אונזער ארבייט לזכות את הרבים. אויך איז עס א גרויסער חיזוק פאר אונזערע עסקנים, וועלכע קענען

טיילמאל נישט נאכקומען דעם פארלאנג פון דעם ציבור, ביז אז אפילו נאך 18 שעה ארבעט נאכאנאנד קענען זיי נישט באווייזן צו צושטעלן גענוג ספרים ווי עס ווערט פון זיי געבעטן.

## דער סוד פון די הצלחה

נאך אריינטראכטן און געמיינזאמע שמועסן פון די **"חברי הועד"**, צו דערגיין וואס עס איז באמת דער סוד פון אט די הצלחה, זיינען מיר געקומען צו דער מסקנה אז דאס אלעס איז צוליב איין איינציגע סיבה. די סיבה איז דאס וואס די גאנצע ארבעט, פון אנפאנג שרייבן ביז צום ענדע פון דרוקן און פארשפרייטן, איז געטאן געווארן לשם שמים, אהן קיין שום פניה, נאר כדי **"לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו"**. קיין איין איינציגער פון די עסקנים איז נישט נהנה פון דעם קיין שוה פרוטה, נאר די אלע פילע עסקנים טוען די ארבעט **לשמה**, אוועק געבענדיק פארמעגנס, צייט, ארבעט און פלאג, און שלאף, נישט נאר געציילטע מאל, נאר כסדר.

דאס איז די סיבה פארוואס עס ווערן נישט דערמאנט דא קיינע נעמען. אונזער ציל איז אז די ארבעט זאל געטאן ווערן לשמה, ווייל אזוי איז מען פארזיכערט דאס די זאך זאל מאכן א רושם לטובה אין הארץ פון די לערנערס, ווי די חז"ל דרש'נען אין מסכת בבא מציעא ביי די מעשה פון רבי חייא וועלכער האט געטאן פעולות אז די תורה זאל נישט פארגעסן ווערן פון אידן.

## די הצלחה וואס איז איבער די טבע

אין די לעצטע חדשים (אב-אלול) פון יאר תשמ"ח איז דאס ספר געדרוקט געווארן אין 4 אויפלאגעס, אין צוויי באזונדערע וועלט-עקן. אין חוץ לארץ איז עס געדרוקט געווארן (פאר דער באקוועמליכקייט פון זקנים און קינדער) אין דער גרויס פון 10 ביי 9 א סך הכל פון 5000 עקזאמפלארן. אין ארץ ישראל איז עס צוגעדרוקט געווארן צום "תהלים השלם" א סך הכל פון 2000 ספרים. אויך איז געדרוקט געווארן דער קונטרס אין א קליינעם טאש-פארמאט (פאקעט סייז),

אין דער גרויס פון 4.5 ביי 3 א סך הכל פון 5000 עקזאמפלארן, און איז צוטיילט געווארן בחנם פאר בני ישיבות און בני כולל.

אין סך הכל זיינען אין יענע צוויי חדשים אפגעדרוקט געווארן אין 4 באזונדערע אויסגאבעס 16,000 ספרים עקזאמפלארן.

ביז יעצט שנת תשנ"א איז דער ספר "מקדש מעט" געדריקט געווארן בערך 170.000 טויזענט עקזעמפלארען.

אויך האבען מיר ארויס געגעבען 36 פארשידענע פלאקאטען (קול קורא'ס) וואס זענען געדריקט געווארען אין אן ערך פון 260.000 טויזענט.

אויך האבען מיר געדריקט קליינע קארטלעך פאר קינדער (אין 4 מהדורות) וואס אויף די קארטלעך שטייט פארשידענע התעוררות מחנך צו זיין די קינדער אין מצות אמירת אמן וקדושת בית המדרש.

די ערשטע אויפלאגע פון די קארטלעך איז געדריקט געווארען 23 מיני קארטלעך אין אידיש. די צווייטע אויפלאגע 45 מיני קארטלעך. די דריטע אויפלאגע 12 מינים אין לשון הקודש. די פערטע אויפלאגע 17 מינים אין ענגליש.

דער סך הכל פון די קארטלעך וואס זענען געדריקט געווארען איז בערך א מיליאן קארטלעך.

**צו אונזערע חשוב'ע לייענער**

ווי איר זעט פון דעם אלעם געשריבענעם ביז אהער, גייט אהן א פראדוקטיווע ארבעט מזכה צו זיין אידן מיט **ענטפערן אמן כהלכה,** מיט האלטן הויך די קדושה פון בתי כנסיות ובתי מדרשות וכו׳. דאס אלעס ווערט אבער געטאן אונטער שרעקליכע אומשטענדן. פרייוויליגע עסקנים זיינען מסדר טויזנטער שווערע פעק פון ספרים שטייענדיק געבויגן לאנגע שעה'ן, הויבן אויף אט די שווערע פעק, און שלעפן זיי אין די גרעסטע היצן, און אין שווערע קעלטן. נישט האבענדיג קיין געלט צו דינגען בריווח'דיגע און באקוועמע לאקאלן ווערט די ארבעט געטאן אין טיפע נישט-אויסגעפארטיגטע קעלערן, וועמענס לופט איז פארדעמפט, די ווענט זיינען פייכט און פון דאך

פאלן שטיקער ליים און שמוץ כסדר. די ליכט איז קוים קוים, און נישט איינמאל שטויסט מען זיך אהן אין פארשידענע קריכענדיגע באשעפענישן. פונדעסטוועגן טוען די עסקנים די ארבעט בשמחה, וויסענדיג אז זיי טוען א גרויסע מצוה, פון זכוי הרבים, און "לפום צערא אגרא", וואס גרעסער דער צער אלס גרעסער איז דער שכר. די עסקנים שעפן חיזוק פון די טויזנטער דערמוטיגונגס בריוו וואס זיי באקומען פון אלע רבנים און ראשי ישיבות איבער דער גאנצער וועלט, וועלכע דערציילן ווי זיי זוכן די ספרים ווי מיט ליכט, און ווי די ספרים מאכן אויף זיי א רושם. דאס איז פאר די וואלונטירן ווערט מער ווי כל הון דעלמא.

דעריבער זיינען מיר מכריז און מודיע ברבים, אז יעדער וואס קוקט אריין אין דעם ספר, פאר זיין אייגענעם געברויך אדער פאר צורך הרבים, און פילט אז ער וואלט געקענט נוצן איינס אדער מערערע פון די ספרים (פאר אנדערע), זאל ביטע שיקן צו אונז א פארלאנג (לויט די אונטן־אנגעגעבענער אדרעס) און אנצייכענען וויפיל עקזאמפלארן ער דארף. מיר וועלן עס איהם שיקן בלי נדר בסבר פנים יפות, אהן קיין באצאלונג בחנם אין כסף, נאר כדי ער זאל קענען מקיים זיין **ללמוד וללמד לשמור ולעשות.**

מיט כבוד און ברכה

**ועד הפועל העולמי להרמת קדושת בית הכנסת ואמירת אמן**

* * *

**פאר מלמדים**

אט לאמיר נעמען א ביישפיל און זעען ווי ווייט עס איז די מעגליכקייט פון א מלמד זיך איינצוקויפן זכותים, אין צאל פון מליאנען ממש, אהנע באזונדערע אנשטרענגונג.

**מלמד:**

א מלמד וועלכער לערנט מיט תלמידים, און ביים אנפאנג שיעור גיט ער זיך אפ א פערטל שעה (15 מינוטן) מיט פארשטיין געבן די תלמידים די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן, און יהא שמיה רבא, ביז

אז מען איז זוכה דורכדעם צו עושר, בנים, און כבוד, חוץ וואס דער גאנצער קרן איז אוועק געלייגט אומבארירט לעולם הבא, און דורכדעם איז מען מקרב די גאולה, און אזוי נאך און נאך (ווי עס איז אלעס קלאר אראפ געברענגט אין דעם קונטרס "מקדש מעט"), דורכדעם ווערן די תלמידים נתעורר, און זיינען מקבל אויף זיך מקיים צו זיין אלעס וואס ער זאגט. געוויינליך זיצן ביי א מלמד לכה"פ צוואנציג קינדער, וואס טוישן זיך יעדעס יאר. ד.ה. אז א שטענדיקער מלמד, מיט אן אנהאלט פון 30 יאר ביי דעם "דזשאב" (וואס דאס איז דער דורכשניטליכער חשבון יארן פאר א מלמד), גייען דורך איהם א דורך 600 קינדער. איז אפילו מיר זאלן אננעמען אז ביי הונדערט קינדער האלט זיך נישט דאס התעוררות, בלייבט דאך איבער 500. ווי מיר ווייסן ענטפערט דער מענטש 90 מאל אמן יעדן טאג, ד.ה. אז דורך דעם גאנצן יאר (365 טאג) ענטפערט א מענטש 32,850 אמנים. ווען מיר זאלן דאס טאפלען אין 500 (לויטן צאל פון די תלמידים וואס דאס התעוררות האט ביי זיי אויפגעטאן) וועלן מיר גרייכן צו 16,425,000 (16 מיליאן און 425 טויזענט) אמנים אין איין יאר. איצט דארפן מיר טאפלען אט דעם סכום אין 60, (לויט דעם דורכשניט פון 10 יאר אלט ביז 70) וועלן מיר אנקומען צום ריזיקן ציפער פון 985,500,000 (985 מיליאן מיט 500 טויזענט) וואס איז קרוב צו א ביליאן. אויב האט דער מלמד מער ווי 20 תלמידים דאן איז דער חשבון פיל מער, און גרייכט איבער א ביליאן. אויף דעם אלעם באקומט דער מלמד שכר, ווייל דאס ווערט גערעכנט אלס זיינע תוצאות, ווי עס איז מבואר אין חז"ל.

און דער חשבון איז נאכנישט פארטיג. ווייל פון 600 תלמידים, קומט דאך אויס לויט'ן חשבון אז עס וואקסן ארויס לכה"פ 120־100 מלמדים, אדער ראשי ישיבה ורבנים, און זיי וועלן דאך ממשיך זיין דעם זעלבן התעוררות צו זייערע תלמידים (ווי עס איז דער טבע אז מיט וואס א מענטש האט זיך איינגעוואוינט אין דער יוגענד, און האט אין זיך אריינגעזאפט, דאס וועט ער ווייטער פרואוון צו לערנען מיט אנדערע און אויך זיי באאיינפלוסן) קומט אויס אז אין דעם צווייטן דור

האט ער שוין אויף זיין רעכענונג לכה"פ הונדערט ביליאן מצוות פון ענטפערן אמן. דערצו זיינען אויך די מצוות פון יהא שמיה רבא, פון שווייגן בשעת התפלה א.א.וו. און אין דעם דריטן דור האט ער שוין 10 טריליאן זכותים, ווייל אלעס גייט אויף זיין חשבון, ווי עס שטייט אזוי בפירוש אין הייליגן ספר "חובת הלבבות", אז אלעס וואס עס קומט ארויס פון א מענטשענס השפעה, ווערט פאררעכנט פאר איהם לזכותו, עד סוף כל הדורות.

קומט אויס אז א מענטש וועלכער איז אוועק מיט נישט מער ווי הונדערט יאר צוריק, און עס ציען זיך פון איהם און פון זיין השפעה היינט שוין פינף דורות, ווערן אין הימל פאררעכענט לזכותו היינט טויזענט טריליאן מצוות, און יעדעס יאר ווערט דאס פארטאפעלט הונדערט מאל אזויפיל. און אויב וועט אימיצער פרעגן וויאזוי איז דער מלמד פארזיכערט אז עס וועט האבן א המשך, און אז פון זיינע תלמידים וועלן ארויסקומען אנדערע תלמידים, און אלע וועלן מעורר זיין אויף דעם ענין. אויף דעם איז דער תירוץ פשוט. מיר האבן א כלל אז אויב איינער האט געטראכט צו טאן א מצוה און ער האט עס נישט געקענט באוויזן מחמת אונס, ווערט עס אין הימל פאררעכענט ווי ער וואלט עס געטאן בפועל. דאס זעלבע איז אויך בנוגע דעם ענין (ווי עס ווערט ברייט ארום געשמועסט אין די ספרים הק' חובת הלבבות, ראשית חכמה, שבט מוסר, און שערי תשובה פון רבינו יונה).

און אט די אלע טויזענט טריליאן זכויות זיינען נאר פאר ענטפערן אמן. און ווי געזאגט אויבן קומען דאך צו אויך די זכותים פאר יהא שמיה רבא, פאר שתיקה בשעת התפלה, פאר אפהיטן די קדושת ביהכ"נ וביהמ"ד און נאך. אויך האבן מיר א כלל אין די גמרא (חגיגה, לויט ווי די מפרשים טייטשן עס אויס דארט) אז ווער עס איז נזהר ווי עס באדארף צו זיין, נעמט צו די זכותים פון אנדערע וועלכע זיינען נישט נזהר, קומט אויס אז עס קומען צו נאך אומצאליגע זכותים. דאס זעלבע איז אויך דער ענין וואס שטייט אין ספר "אבן שלמה" פון דעם גר"א, אז ווען איינער איז מוכיח א צווייטן, און יענער איז נישט מקבל,

באקומט דער מוכיח שכר גלייך ווי יענער וואלט באקומען ווען ער וואלט איהם יא געפאלגט.

אויך קען מען צולייגן אז יעדער תלמיד וועט דאך אי"ה אויפשטעלן א משפחה, און יעדע משפחה באשטייט בדרך כלל פון 3 זין לכה"פ, קומט אויס אז פון די 600 תלמידים קומען צו נאך 1800 נפשות, וואס וועלן שפעטער אויך מעמיד זיין משפחות, אזוי אז די זכותים און מצוות פארמערן זיך עד אין שיעור פאר דעם מלמד, חוץ די אנדערע מצוות וואס ער געניסט בזכותם.

## לערערין (טיטשער)

דאס אלעס געזאגטע ביז אהער, גייט אויך אהן ביי לערערינס אין די סקולס. אויך אויף זיי ליגט דער חוב מדריך צו זיין די טעכטער צו דעם אלעם, סיי זיי זאלן אליין נזהר זיין, און סיי זיי זאלן אויפציען שפעטער די קינדער צו דעם.

## ראשי ישיבות

אויך אויף זיי איז א פליכט מעורר צו זיין די תלמידים אויף די גרויסקייט פון ענטפערן אמן. ווען זיי וועלן דאס טאן שטייט פאר זיי פאר דער זכות פון ביליאנען אמנים, ווי מיר האבן אויסגערכענט אויבן.

## מנהלים

ווען מען עס רירט אהן אין הארץ די יראה פון רבש"ע, און ווייסן פון דעם גרויסן שכר וואס איז גרייט פאר מעוררים, אויף זיי ליגט א הייליקער פליכט צו רעדן צו די מלמדים, און זיי ערמוטיקן צו טאן אין דער זאך, און מעורר צו זיין זייערע תלמידים צום ענין פון ענטפערן אמן כדין. דער מנהל דורך זיין רעדן פארדינט פיל פאכיג מער זכותים ווי די מלמדים. דער חשבון איז זעהר פשוט. יעדער מנהל האט אונטער זיך לכה"פ 10 מלמדים, פון וועלכע 9 האבן שוין תלמידים צו ווען מען קען רעדן איבער דעם ענין פון ענטפערן אמן. ווען דער מנהל איז מעורר אלע מלמדים, ווערט גערעכנט צו זיין זכות אלע אמנים וואס קומען בזכות דער התעוררות פון די מלמדים צו זייערע תלמידים. לויט

ווי מיר האבן אויבן געברענגט, אז א מענטש ענטפערט 90 מאל אמן א טאג, ווען מיר טאפלען דאס אין 20 יונגלעך פאר א כיתה, איז עס 1800 אמנים א טאג, ווען מיר זאלן עס טאפלען אין 9 כיתות, איז עס 16,200 אמנים בלויז אין איין טאג. איצט לאמיר עס טאפלען אין 365 טעג א יאר, איז דער חשבון 5,913,000 (5 מיליאן מיט 913 טויזענט) ד.ה. קרוב צו 6 מיליאן אין בלויז איין יאר, און דאס איז פאר בלויז איינמאל מעורר זיין די מלמדים...

## מגידים דרשנים און רבנים

ביי זיי איז שוין דער כח ההשפעה פיל גרעסער, און ממילא אויך דער צאל פון די זכותים. א רב אדער א דיין וכדומה האט א כח צוזאמען צו רופן עטליכע מנהלים וראשי מוסדות און זיי אלע צוזאמען מעורר זיין, אז זיי זאלן מעורר זיין די מלמדים מחנך צו זיין די תלמידים. קומט אויס אז דאס וואס דער מלמד פארדינט פון זיין קלאס, און דער מנהל פארדינט פון זיין ישיבה, פארדינט דער רב און מגיד מיט איינמאל פון עטליכע מוסדות.

## א נשיא פון מוסדות

וואס אונטער זיין השפעה ליגן מערערע מוסדות, ער קען נישט נאר בעטן נאר אויך פארלאנגען, און די השפעה איז דעריבער פיל שטארקער און ווירקזאמער. א נשיא פון מוסדות קען פון צייט צו צייט זעהן צו מאכן תיקונים אין דעם ענין. ווען ער וויל מיט אן אמת קען ער מיט איין התלהבות׳דיגע דרשה פון נישט מער ווי א האלבע שעה, מאכן ממש אן איבערקערעניש אויף דעם געביט, און זוכה זיין צו אויפלעבן אין זיינע מוסדות דאס ענטפערן אמן, און יהא שמיה רבא בכוונה שלימה, ווי אויך דאס נזהר זיין בקדושת המקום, מקדש מעט, און דורכדעם אנזאמלען פאר זיך זכותים אהן א שיעור.

און פון דער צווייטער זייט, אבער, האבן דאך שוין די חז״ל געזאגט אז ווער עס האט די מעגליכקייט מוחה צו זיין און טוט דאס נישט, ווערט ער געשטראפט אויף די עבירה וואס דער עבריין האט עובר געווען. קומט אויס אז אויב א מלמד, א מנהל, א רב וכו׳ איז נישט

מעורר, און נישט מוחה אויף דעם זלזול פון קדושת בתי כנסיות ובתי מדרשות, אדער אויף דער גלייכגילטיקייט פון ענטפערן אמן שלא כדין ושלא בכונה, קען ער נאך חלילה נענש ווערן פאר א ביליאן אמנים און נאך מער, רחמנא לשיזבן.

חוץ דאס נענש ווערן פאר ביטול אמנים, און פאר זלזול בית המדרש, ווען זיי אויך חלילה נענש ווערן פאר דעם וואס דאס נישט ענטפערן אמן כדין ברענגט מיט זיך ל"ע פארשידענע קרענקען, און כל מיני פורעניות פאר קליינע קינדער יאר יערליך, ווי אויך וואס אזויפיל יונגע מענטשן ווערן רח"ל אוועק געריסן, וואס דאס אלעס וואלט פארמיטן געווארן ווען וואס מער אידן וואלטן געענטפערט ווי געהעריג אמן און יהא שמיה רבא.

און איצט ווילן מיר זיך ווענדן צו אייך **מלמדים, מנהלים, ראשי ישיבות, רבנים, אדמורי"ם, נשיאי מוסדות:** עס איז דאך קלאר ווי די זון אז אין אייערע הענט ליגט דאס שליסל צו דערהויבן און פארשטארקן דאס ענין פון ענטפערן אמן, און יהא שמיה רבא, ווי אויך דאס הייליג און פארכטיג האלטן דעם בית המדרש, און נישט פארשוועכן עס מיט דיבורים של חול און נאך ערגערס. אויב נישט די גאנצע השפעה איז עכ"פ די העלפט אדער א דריטל ליגט זיכער ביי אייך. איז אויב אזוי ווי שעמען מיר זיך נישט פאר זיך אליין וואס אזא זאך וואס קאסט נישט קיין געלט, נישט קיין באזונדערע טירחה, נישטא קיין שום צד נגיעה א קעגן דעם, נישטא ווער עס זאל שטערן פון מעורר צו זיין אויף אזא זאך (וואס איז פון די זעלטענע יסודי הדת אין דעם פאל), אויך איז דער פועל יוצא דערפון אזוי גרויס, אז עס איז מבטל אזויפיל גזירות רעות, עס באזייטיקט אלע מקטריגים, עס ברענגט אויף די מעוררים אומצאליגע זכותים, און איז משפיע בני חיי און מזוני רוויחי בעוה"ז, חוץ וואס עס איז קרן קיימת לו לעולם הבא, ווען דער שכר פון מזכי הרבים איז זעער גרויס, און זיי זיצן צווישן די צדיקים מיט קרוינען אויף די קעפ און זענען נהנה מזיו השכינה, אהן קיין הפסק כלל וכלל.

איז וויאזוי קען מען שוויגן און נישט טאן די ריכטיקע התעוררות וואס פארלאנגט זיך. וואס אויב שוויגט איר אין אזא צייט, ווען איר וועט ארויפקומען בעולם העליון לאחר מאה ועשרים שנה, און איר וועט זעהן מיט די אייגענע אויגן ווי גרויס עס איז דער שכר פון יענע מלמדים וועלכע האבן יא מעורר געווען אויף דעם ענין פון עניית אמן, וועלכע זיצן צווישן די צדיקים און קדושים, און זענען זאט פון נחת ותענוג רוחני עד אין שיעור וערך, וואס איז פשוט אוממעגליך צו שילדערן מיט ווערטער (ווי די חז"ל זאגן "יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה") און איר וועט עס דאן זען טאג נאך טאג אויף אייביג, וויאזוי וועט איר פילן? וועט איר נישט צופלאצט ווערן, זעענדיק צו וואס איר האט געקענט גרייכן, מיט אזא קליינע יגיעה?

דאס זעלבע איז געזאגט לגבי די רבנים און אנדערע בעלי השפעה בישראל, ווען זיי וועלן ארויף קומען בעולם האמת און וועלן זיך זען מיט טויזנט מדריגות נידריגער ווי אנדערע רבנים, אפילו קלענערע למדנים ווי זיי, נאר אזעלכע וואס זיינען געשטאנען אויף דער וואך און מעורר געווען זייערע נאכפאלגער צו ענטפערן אמן יהש"ר וכו'. אט די רבנים וואס אויף דעם עולם השקר והשפל זיינען זיי דערנידעריגט מאראליש, מאטעריעל, און זעליש, ווייל זיי זיינען מוחה אויף פרצות בחומת הדת און זאגן נישט "שלום עלי נפשי", אט די זעלבע רבנים וועלן בעלמא דקשוט פארנעמען די שענסטע ערטער אין גן עדן, אלס שכר פאר זייער שטענדיקער זארגן פאר כבוד שמים, אוועק לייגענדיק אלע זייערע פריוואטע הצטרכות'ן אין דער זייט, און מורא האבעדיג די גאנצע צייט טאמער האבן זיי נאך נישט יוצא געווען כלפי שמיא מיט די מצוה פון תוכחה.

אבער נישט נאר וועט דער צער גרויס זיין פון זען יענעמס גרויסקייט א קעגן די אייגענע שפלות, נאר מען וועט זיי אויך מצער זיין מיט עונשים מרים ל"ע, אויף די עבירות פון די אומוויסענדע מענטשן, וועמען זיי האבן געקענט און געדארפט מעורר זיין, און אויך פאר די

צרות און יסורים וואס זיי האבן געברענגט אויף מענטשן מיט זייער שטילשווייגן פון תוכחה און התעוררות, בפרט די צרות וואס האבן אנגעטראפן די קליינע קינדער ״שלא טעמו טעם חטא״, וואס בלתי שום ספק אז א סך פון די גזירות וואלטן נמתק געווארן ווען אידן וואלטן געענטפערט אמן און יהש״ר ווי עס באדארף צו זיין, ווען די מלמדים ומורי דרך וואלטן עס זיי אויפגעקלערט ווי געהעריג. ווייל מיר גלויבן, זייענדיק מאמינים בני מאמינים, אין די רייד פון [illegible]״ל, וועלכע האבן אונז דאס אלעס געזאגט. (עיין בספר מקדש מעט באריכות).

ע״כ רופן מיר צו אייך: קומו נא, התעוררו נא, וועקט אייך אויף כל זמן עס איז צייט, און פארנאכלעסיקט נישט די מינוט, ווען איר קענט נאך אויפטאן למען כבוד ה׳ ועמו, און זייט אייך מתגבר און מתלבש מיט די מצוות תוכחה, און התעוררות, דערמיט וואס איר וועט אריינברענגען וואס מער אידן תחת כנפי מצוות עניית אמן כהלכה.

**ובזכות די מצוה פון ענטפערן אמן, יהא שמי׳ רבא, און פון האלטן הייליג די קדושת בתי מקדש מעט, וועלן מיר זוכה זיין בקרוב ממש צו ביאת גואל צדק, ובנין בית המקדש, אמן.**

**ועד המרכזי העולמי למען קדושת בית הכנסת ואמירת אמן**

---

41/5/51

---

לעילוי נשמת הרה״צ מוהר״ר **אשר יעקב בלום** זצ״ל, — בן להבחל״ח הגאון הצדיק המפורסם חו״פ לוחם מלחמת ה׳ בעוז וברמה מוה״ר **רבי רפאל בלום, (כ״ק אדמו״ר מקאשוי שליט״א)** — שחל״ח כ״ד תמוז שנת תשמ״ט לפ״ק ת.נ.צ.ב.ה. - נדפס ע״י תלמידיו